UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Khesbn no. 55 - Spring 1969 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/7pg995vj

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 55(1)

**Author**
Admin, LAYCC

**Publication Date**
1969

**Copyright Information**
Copyright 1969 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטליאָר שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

## 55

אַרויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

פרילינג נומער • תשכ"ט-1969

# אינהאַלט


רבקה ס. גאָלאָמב: מענטש און מאַשין — 3
משה שקליאַר: לידער — 6
א. גאָלאָמב: סומירונגען — 8
פלאָרענס טראָפּימאָוו: דאָס לעצטע וויג־ליד (ליד) — 12
ש. י. עגנון: צווישן צוויי שטעט (דערציילונג) יידיש: א. אַלמוג — 13
ז. בונין: די גאָלדענע פּאַווע (ליד) — 23
יוסף לעפּטוויטש: עפּיזאָדן אינעם לעבן פון איציק מאַנגער — 24
דאָראַ פיינס מייזל: ביי די ברעגן פון פּאַציפישן אָקעאַן — 28
אריה פאָזי: גלויבן אין יידישקייט אין אַ דור פון אומגלויבן — 30
פינטשע בערמאַן: צוויי לידער — 39


## קונסט און קינסטלערס


זלמן זילבערצווייג: צוויי יידישע טעאַטראַלן — 41


## ביכער און שרייבערס


אַברהם באַראַבאַן: דאָס ליד און זיין האַרציקע פּשוטקייט — 44
לילי בערגער: „דער גייסט פון די ס. ס.־מענער" — 47
שרה רבקה מילער: ניט קיין אויסגעטראַכטע מעשה (ליד) — 52
ז. בונין: נייע ביכער — 54
י. ש. ט.: אין און אַרום דעם ל. א. יידישן קולטור־קלוב — 57



**HESHBON**

*QUARTERLY LITERARY REVIEW*

A. POSY, *Editor*

S. BUNYAN, *Secretary*

7327 El Manor Ave. • Los Angeles, Calif. 90045 • Tel. 776-1956

**Subscripton price: $5.00 per year**

PRINTED BY

SCHWARTZ PRINTING CO.

100



# חשבון

פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

אַריה פאָזי, רעדאַקטאָר • ז. בונין, סעקרעטאַר

24טער יאָרגאַנג, נומער 55 — פרילינג, תשכ"ט־1969 — לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.


רבקה ס. גאָלאָמב

## מענטש און מאַשין

די אָנהייב פערציקער און סוף זעכציקער יאָרן צייכענען אָפּ אַ מערקווירדיקן צייט־אָפּשניט סיי אין אונדזער יידישער געשיכטע, סיי אין דער וועלט־געשיכטע. עס איז אַ טראַגישער און גלייכצייטיק דערהויבענער קאַפּיטל.

אונדזער פאָלק האָט איבערגעלעבט די שוידערלעכסטע טראַגעדיע אין זיין געשיכטע. אַ דריטל פון זיינע בעסטע זין און טעכטער זיינען פאַרטיליקט געוואָרן. מיר זיינען אויך דער ערשטער דור, וואָס האָט זוכה געווען צו דער אתחלתא דגאולה; דאָס גרויסע גליק פון „ותחזינה עינינו בשובך לציון" איז מקוים געוואָרן; דער חלום פון דורות איז וואָר געוואָרן.

און איצט די אומגלויביקע אָדיסעע — די זעקס־טאָגיקע עפּיק, וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם, געשפּאַנט אונדזערע נערוון און געלאָזן אונדז נשתומם און פאַרגאַפּט. ס'איז געווען אַ גליק צו זיין לעבעדיק און זיך צוקוקן צום גרעסטן ספּעקטאַקל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

אַ קאָסמאָס־שיף מיט דריי מוטיקע, עלנטע מענטשן האָט זיך געטראָגן אין חלל צו דער לבנה מיט אַ גיכקייט פון פערציק טויזנט קילאָמעטער אַ שעה. מיליאָנען הערצער אַרום אונדזער אייגענער פּלאַנעט האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן שטאַרקער. אַלעמען האָט אַרומגעכאַפּט אַ געפיל פון דערהויבנקייט, באַגייסטערונג, מורא און געשפּאַנטקייט. מען האָט במשך פון זעקס לאַנגע, אומענדלעכע טעג געהויבן די אויגן צום הימל. בשעת מעשה האָט מען פאַרגעסן אָן אונדזער אייגענער בידנער ערד מיט אַלע אירע צרות, ווי מלחמות, ראַיאָטן און פּאָליטיקאַנסטווע; נויט, הונגער און אָרעמקייט.

דער ווודערלעכער אויפטו האָט געענדערט אַלע השגות און באַגריפן, קרובשאַפטן און באַציונגען צווישן מענטש און קאָסמאָס, מענטש און גאָט און דעם מענטשנס אַריינבליק אין זיך גופא. — אַלץ, אַלץ האָט זיך געביטן.

מען פאַרגלייכט די קאָלאָסאַלע געשעעניש צו קאָלומבוסעס אַנטדעקונג פון דער נייער וועלט, ווען ער האָט אין 1492 דערגרייכט די ברעגעס פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס בעת קריסטאָפער קאָלומבוס האָט געפונען נייע רייכטימער און דעראָבערט גרויסע טעריטאָריעס האָבן די איצטיקע אַנטדעקער געפונען אַ נייעם גייסטיקן און אינטעלעקטואַלן אַרויספאָדער און פאַרמעסט.

די דאָזיקע פּראָמעטעישע געוואַגטקייט צו שיקן שטערבלעכע אַרום דער לבנה איז דער אָנהייב פון אַ רייזע אין דער צוקונפט.

אַ נייער אָנהייב צו נייע וועלטן, נייע מאָסן און פאַרמעסטונגען אין מענטשנס דענקען. דער מערב־מענטש איז געוואַגט, אומרואיק, זוכעריש, שעפעריש און דערפינדעריש.

די אַ געוואַלדיקע אָדיסעע פון „אַפּאָלאָ 8" וואָלט אָבער קיין מאָל נישט רעאַליזירט געוואָרן אָן דער קאָאָפּעראַציע און דעדיקירונג פון דער גרויסער ציווילער אַרמיי פון 300,000 אינזשיניערן, טעכניקער און אַרויסהעלפער; צוואַנציק טויזנט קאָנטראַקטאָרס, 33 מיליאָן דאָלער אין קאָסמאָס־פאָרשונג, און אַ מאַשין, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אויף אַ ווונדערלעכן אופן פון פּערפעקציע מיט צוויי מיליאָן המצאותדיקע טיילכעלעך.

מערקווירדיק: די מאָדערנע וויסנשאַפט, וואָס האָט דאַכט זיך צונישט געמאַכט די אײנרעדעניש פון „האָמאָ סאַפּיענס", אַז ער איז דער צענטער פון באַשאַף, און דאָך האָבן מיר געהאַט די פרייד צו זען די געשיקטקייט, געוואַגטקייט און קוראַזש פון מענטשן, וואָס זיינען גרייט געווען צו ריזיקירן מיט זייערע לעבנס און מיט זייער אייגענעם פרייען ווילן זיך געלאָזן אין דעם פרעמדן און אומהיימלעכן אין־סוף.

עס האָט גערירט ביז טרערן ווען מען האָט פלוצלונג אין דער קריסטמעס־נאַכט, דערהערט אויף דער טעלעוויזיע אַזוי קלאָר פון אַ מרחק פון 373,000 קילאָמעטער די ערשטע צען פּסוקים פון אונדזער אַלטן ספר בראשית:

„און די ערד איז געווען וויסט און ליידיק, און פינצטערניש איז געווען אויפן געזיכט פון תהום, און דער גייסט פון גאָט האָט געשוועבט אויפן געזיכט פון די וואַסערן. האָט גאָט געזאָגט: זאָל ווערן ליכט און עס איז געוואָרן ליכט . . ."

דער שיפס־קאַפּיטאַן האָט פאַרענדיקט מיט אַ ציטער אין זיין קול: „אַ גוטע נאַכט, אַ גוט מזל, אַ פריילעכער יום־טוב און גאָט זאָל אייך אַלעמען בענטשן אויף דער גוטער ערד."

די פּשטות פון די פּסוקים, די רירנדיקע ברכות פון באָרמאַנען געהערט פון אַזאַ גראַנדיעזן, פאַנטאַסטישן מרחק; די איינזאַמקייט פון די דריי אַסטראָנאַטן אין דעם גרויסן תהום פון ליידיקייט און אַבסאָלוטער פינצטערקייט, איז געווען די גרעסטע מענטשלעכע דראַמע, וואָס האָט דערשיטערט ביז די טיפענישן פון דער נשמה.

אַ צווייטער געשפּאַנטער און נערוון־צעטרייסלענדיקער מאָמענט איז געווען, ווען מיליאָנען מענטשן האָבן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געוואַרט אין שוידערלעכער געשפּאַנטקייט, אויב די צוריקשטויס־סיסטעם וועט אַרבעטן און אַרויסשטופּן די קאָסמאָס־שיף פון דער מאַגנעטישער צוציאונגס־קראַפט פון דער לבנה.

ווען „אַפּאָלאָ 8" איז צום צענטן און לעצטן מאָל אַרויסגעשווומען פון הינטערן פינצטערן טייל פון דער לבנה, האָט זיך ביי די צוקוקער יעדע מינוט געצויגן ווי אַן אייביקייט; ווען מען האָט דערלעבט צו הערן באָרמאַנס שטים, אַז אַלץ אַרבעט פּערפעקט, האָט אַ פאַרגאַפטע און נישתּומדיקע וועלט פרייער אָפּגעאָטעמט.

ווען אין יוסטאָן־קאָסמאָס־פאָרש־צענטער האָט פאַרטאָג עמיץ אַ פרעג געטאָן די אַסטראָנאַטן ערב דעם אַריינגיין פון דער חלל־שיף אין מאַגנעטישן פעלד פון דער ערד, „ווער פאָרט דאָרטן ערגעץ אין קאָסמאָס?" און ס'האָט זיך דערהערט דער ענטפער פון אַסטראָנאַט אַנדערס: „כ'מיין אַז אייזיק ניוטאָן פירט דאָ אָן איצטער מיט דער קאָסמאָס־שיף." אַ סקרוך איז אַריבער איבערן לייב פון די צוהערער. (ניוטאָן, 1642—1727, דער באַרימטער ענגלישער פילאָסאָף און מאַטעמאַטיקער, האָט פאָרמולירט און באַשטעטיקט דאָס געזעץ פון גראַוויטאַציע, צוציִ־כוח פון פּלאַנעטן).

ס'איז באמת פאַנטאַסטיש די אַחדות פון דער וויסנשאַפט מיטן תנ"ך און פון דער נביאות מיט דער געשיכטע.

דראַמאַטיש איז אויך געווען אַ באַמערקונג פון דעם אַסטראָנאַט לאָוועל: „די ריזיקע איינזאַמקייט דאָ אין קאָסמאָס איז פול מיט אינספּירירנדיקן יראת הכבוד און אימהדיקן פּחד, דאָס מאַכט אונדז רעאַליזירן, וואָס פאַר אַ גן־עדן אונדזער גוטע ערד איז."

ס'איז טראַגיש און איראָניש. ס'קומט אויס, אַז ס'איז גרינגער צו פליען היינט צו דער לבנה, ווי אויסראָטן די שטשורעס אין די געטאָס. ס'איז אויך גרינגער צו געפינען קאָאָפּעראַציע און אָרגאַניזירטקייט ביי אַזאַ גראַנדיעזער טעכנאָלאָגישער אונטערנעמונג ווו עס האָבן אָנטייל גענומען איבער דריי הונדערט טויזנט



מענטשן, ווי געפינען פאַרשטענדעניש צווישן צען שכנים אין איין אַפּאַרטמענט־הויז.

ס'קלינגט ווי אַ פּאַראַדאָקס: מענטשן קענען היינט אַנטלויפן פון אונדזער פּלאַנעט מיט אַ גיכקייט פון פערציק טויזנט קילאָמעטער אַ שעה, זיי קענען זיך אָבער קיין עצה נישט געבן אויף זייער אייגענער היימישער ערד.

דער קלימאַקס פון דער דראַמע, דער צוריקקער צו דער מאַמע־ערד איז אויך געווען אַ גרויסע עפּאָפּעע. דער לעצטער אַקט איז געווען אַזוי געשפּאַנט און ריזיקאַליש, ווי די פריערדיקע. איין קליינטשיקער דעפעקט אין דער מאַשין, און דער סוף וואָלט געווען אַ פאַטאַלער. די זעקס־טאָגיקע קאָסמאָס־שיף, וואָס איז געפלויגן מיט אַזאַ פאַנטאַסטישער גיכקייט, וואָלט אָדער געקענט צעקוועטשט ווערן אין דער אַטמאָספער, אָדער צוריקגעשליידערט ווערן אין קאָסמאָס.

אויב דאָס פליען פון די אַסטראָנאַטן איז געווען די גרעסטע דראַמע אין אונדזער צייט, איז די קאָסמאָס־שיף געווען דער סימבאָל פון פּערפעקציע.

מענטש און מאַשין! — עס באַפאַלט אַן אימה ווען מען טראַכט, אַז די מאַשינען וואָס דער מענטש טראַכט אויס און שאַפט זיינען וויכטיקער פון מענטשן גופא.

די איצטיקע גאוניש־געבויטע מאַשין, „אַפּאָלאָ 8", מיט אירע צוויי מיליאָן קאָמפּליצירטע טיילכעלעך, רופט אַרויס אונדזער באַוווּנדערונג און פאַרערונג. גלייכצייטיק אָבער וואַרפט עס אָן אומהיימלעכן ליכט אויף דער צוקונפט. נישט דער ראַשיקער, גיגאַנטישער פּראָגרעס פון דער טעכנאָלאָגיע שרעקט אונדז אָפּ, נאָר דער מענטש גופא. ס'מערקט זיך אַ פאַרקערטע פּראָגרעסיע: וואָס מערער מוח, אַלץ ווייניקער האַרץ. מען שפּאַנט אין דער ריכטונג פון אַ גאָטלאָזער, נשמה־לאָזער, עפעקטיווער געזעלשאַפט ווו אַלע באַגריפן פון מאָראַל ווערן געשענדעט.

אין אָנבליק פונעם היינט זעט אונדזער מאָרגן אויס מוראדיק און דעפּרימירנדיק. די נוקלעאַרע וויסנשאַפט גרייט פאַר אונדז אַ סדומער בעט זיך אַוועקצולייגן.

מיר האָבן געהאַט פאַשיזם, נאַציזם, באָלשעוויזם, דעפּרעסיע, היטלעריזם, אַ צווייטע וועלט־מלחמה און אַ שרעקלעכן חורבן. איצט זעט עס אויס, אַז די וויסנשאַפט וועט איבערנעמען די לייצעס. אַ קאַסטע פון וויסנשאַפטלער וועט אָנפירן מיט דער וועלט.

נישט די מאַשין וועט זיין דער קנעכט פון מענטשן, נאָר פאַרקערט, דער מענטש וועט פאַרשקלאַפט ווערן צו דער מאַשין. די קוואַליטעט פון ווערטן איז שוין היינט ראַדיקאַל געביטן; און ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ קוואַליטעט דאָס לעבן וועט האָבן, אויב די מענטשהייט גייט אויפן וועג פון ווערן ראָבאָטן?

דעמאָקראַטיע, ליבעראַליזם און אינדיווידואַליזם זיינען שוין היינט אָפּגעקלאַפּטע הושענות.

וווהין־זשע גייען מיר?...

תיקו!

**פון דער רעדאַקציע:** אירע איינדרוקן וועגן דער דאָזיקער „אומגלייבלעכע אָדיסעע", וואָס האָט געלאָזן אונדז „נשתומם און פאַרגאַפט", האָט רבקה ס. גאָלאָמב געשריבן אין שייכות מיט דער קאָסמאָס־שיף אַפּאָלאָ 8, וואָס „האָט זיך געטראָגן אין חלל צו דער לבנה." זינט דעמאָלט האָבן מיר שוין אויך באַוווּנדערט דאָס ענלעכע פליען פון אַפּאָלאָ 9 און 10, וואָס וואָס וועט אין גיכן מן הסתם נאָכגעפאָלגט ווערן פון אַפּאָלאָ 11, וואָס וועט זיך „אַרויפלאָזן" אָדער „אַראָפּלאָזן" אויף דער לבנה, און זיינע אַסטראָנאַטן וועלן באַטרעטן איר עצם באָדן. דאָס באַשטעטיקט נאָך מער דער מחברינס „געפיל פון דערהויבנקייט, באַגייסטערונג, מורא און געשפּאַנקייט", וואָס, ווי זי שרייבט, „האָט געענדערט אַלע השגות און באַגריפן, קרובהשאַפטן און באַציונגען צווישן מענטש און מענטש.

משה שקליאַר

## לידער

### שאָטנלאַנד

אַזוי פיל ליכט האָט זיך צעשפּילט
פון הימלראַנד ביז הימלראַנד
און איך בין נאָך אַלץ איינגעהילט
אין פינצטערניש פון שאָטנלאַנד.

צומאָל איך רייס פון איר אַרויס
דעם קאָפּ און שטרעק אים צו דער ליכט,
נאָר ס'שווימט אַראָפּ די שיין, גייט אויס
אויף מיין פאַרשאָטנטן געזיכט.

און ווידער בלייב איך איינגעהילט
אין פינצטערניש פון שאָטנלאַנד.

צי האָב איך טאַקע אַלץ פאַרשפּילט
און כ'וועל נישט דורכברעכן די וואַנט?

צי וועל איך אייביק שוין אַזוי
לעבן צווישן שאָטן — שיין,
דער טאָג וועט שטענדיק זיין מיר גרוי
און מיט דער גרויקייט כ'וועל פאַרגיין.

אָ, ניין, עס שאָטנס שוין אַוועק
דאָס שאָטנלאַנד, און אויב אַליין
כ'וועל נישט דערגרייכן שוין צום ברעג,
זאָל כאָטש מיין ליד אַ פאַקעל זיין.

***

### אומעטשיין

אין סאַמע מיט פון קאָנטינענט,
אויף צווישן־וועג און צווישן־ים
מיט אַ געפלעכט פון פיס און הענט,
ווי אָפּגעריסן פונעם שטאַם
עס איילט דער צוג אַנטקעגן נאַכט —
די פינצטערניש באַלד שלינגט אים איין.
נאָר עמעצער האָט אויפגעמאַכט
די אויגן ווי אַן אומעטשיין—

אַ קינד מיט שוואַרצע אויגן.

בין איך שוין מער נישט אין דער פרעמד,
בין איך שוין מער נישט אין דער ווייט,
אוו ס'אַרט מיך נישט, וואָס אומפאַרשעמט
פון פיס און הענט גייט אָן דער בייט.
איך הער בלויז ווי עס רעדט די שיין,
די אומעטשיין פון אויגן צוויי
אוו אין האַרצן שניידט זיך איין
דער אומעט־ווייי

פון קינד מיט שוואַרצע אויגן.

***



### פון אַלץ וואָס כ'האָב ליב

פון אַלץ, וואָס כ'האָב ליב,
איז מיר ליבער
דער טאָג,
וואָס וועט קומען —
דער סוד,
וואָס אין אים זיך באַהאַלט.
איך גיי אים אַנטקעגן
מיט בלומען
פון יוגנט
אויף וועלכע
זיין שאָטן שוין פאַלט.

איך גיי אים אַנטקעגן
מיט אומרו
און רו
און שפּיר אָפּ
זיין טוי שוין,
כאָטש כ'ווייס —
ער קאָן אויך אַנטוישן,
אַזוי ווי אַ פלעמל,
וואָס מיניעט פון וויטן —
איך וועל אים
אויף נעכטיקער נאַכט
נישט פאַרבייטן.

### אומרו מיינער

אומרו מיינער, אומרו דו,
לאָז אַ ווייל מיך צורו,
כ'וועל אַרויס פון זיך אַליין
אין אַ ווינקל בלייבן שטיין
און פאַרנעמען דיין געוויג —
טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק — —

שטיין אַזוי איך וועל נישט לאַנג,
ווי אין ווינט אַ קראַנקע זאַנג
בייגן זיך צו מאַמע־ערד,
הערן ווי אויך דאָרטן ווערט
אָן דיין טיק־טאַק שווער די רו —
אומרו מיינער, אומרו דו.

לעבן מיינעם דו באַגלייטסט,
מעסטנדיק דעם לויף פון צייט,
מעסטנדיק דעם פלוס פון בלוט
יעדע רגע און מינוט.
לאָז־זשע מיך אַ ווייל צורו —
אומרו מיינער, אומרו דו.

***

**פון דער רעדאַקציע:** דער פּאָעט און עסייאיסט משה שקליאַר איז לאַנגע יאָרן געווען דער מיטרעדאַקטאָר פון דער „פאָלקסשטימע" אין וואַרשע. איצט, בעת דעם יידישן גירוש פון פוילן, וואָס ווערט סיסטעמאַטיש דורכגעפירט, האָט ער זיך פון דאָרט אַרויסגעראַטעוועט און האָט זיך באַזעצט ביי אונדז אין לאָס אַנדזשעלעס און דערמיט באַרייכערט אונדזער היגע ליטעראַרישע משפּחה. אין נאָמען פון ל. א. יידישן שרייבער־קרייז באַגריסן מיר האַרציק משה שקליאַר און זיין משפּחה — ברוכים אתם בבואכם.

א. גאָלאָמב

# סומירונגען

1.—יידישקייט איז אַ רעליגיע אַנדערש פון אַנדערע רעליגיעס. זי איז ניט קיין סכום קרעדאָס, פרינציפּן, גלויבונגען. יידישקייט איז ניט קיין פיקסירטע, געענדיקטע, ניט קיין פאָרמולירטער סכום מצוות און עבירות, אָט אַזוי צו טאָן, און ווער עס פירט זיך אַנדערש, איז מער ניט קיין ייד. דאָס איז אַ פאַלשע אויפפאַסונג פון יידישקייט. יידישקייט איז אַ פונקציע פון אַ לעבעדיק פאָלק. כל זמן עס לעבט אַ פאָלק, שאַפט עס. עס שאַפט כסדר אַ לעבעדיקער פרט — אַ מענטש, אַ יחיד, און עס שאַפט אַ לעבעדיקער קאָלעקטיוו — אַ פאָלק. אַלץ וואָס דאָס יידישע פאָלק, דער לעבעדיקער פאָלקישער קאָלעקטיוו שאַפט ווי אַ פאָלק, אַלץ דאָס איז יידישקייט. עץ חיים — אַ בוים, אַז עס לעבט, שאַפט עס יעדעס יאָר נייע און נייערע יונגע קנאָספּן, צווייגעלעך, בלעטער, בלומען און פירות. אַלטע צווייגן ווערן פאַרהאָלצט, טויט און פאַלן אָפּ. אָנוואַקסן און אָפּדאַרן — דאָס איז לעבן... אַזוי איז יידישקייט: אַלטע, פאַרעלטערטע עלעמענטן פאַלן אָפּ, נייע עלעמענטן וואַקסן אָן אין יידישקייט. און דאָס נייע, פאָלקישע, פון פאָלק, פאַרן פאָלק, דורכן פאָלק געשאַפענע—דאָס איז אויך יידישקייט, אויב אפילו ניט פאַרשריבן, ניט פאָרמולירט אין קיין רעליגיעזע קאָדעקסן.

2.—רעליגיעס ענטגילטיק פאָרמולירטע, פאַרשריבענע געזעצן — דאָס און ניט מער, אַזוי און ניט אַנדערש — די רעליגיעס זיינען מער ניט קיין לעבעדיקע. לעבעדיקע פעלקער האַלטן פון זיי, פון אַזוינע רעליגיעס, אָבער די פעלקער לעבן מיט זייער פאָלקישקייט באַזונדער, ניט מיט די רעליגיעס: פוילישקייט און קאַטוילישקייט זיינען ניט אידענטיש. קיין קאַטויליש פאָלק אידענטיפיצירט זיך ניט מיט דער רעליגיע. פאַר יענע אַלע פעלקער זיינען די רעליגיע און זייער פאָלקישע קולטור — צוויי באַזונדערע שטראָמען, פאַראַלעלע געביטן זיינען דאָס, אָבער באַזונדערע: „וואָס פאַרן קייסער איז פאַרן קייסער, און וואָס פאַר גאָט — דאָס איז באַזונדער.“

3.—יידישע רעליגיע איז אָבער פול אידענטיש מיט לעבעדיקער יידישקייט. וואָס פון פאָלק איז במילא פון יידישן גאָט. גאָט און פאָלק גייען ביי יידן צוזאַמען, וואָס פאָלקיש איז געטלעך. יידישע קולטור און יידישע רעליגיע זיינען איין שטראָם, ניט קיין צוויי ווי ביי אַנדערע פעלקער און ביי אַנדערע רעליגיעס.

4.—פון צייט צו צייט, אין פעריאָדן פון גרויסע ענדערונגען אין לעבן פון פאָלק, ווערט יידישקייט פאָרמולירט, פאַרשריבן. די ניי־פאַרשריבענע יידישקייט (יידישקייט שבכתב) איז ניט עפּעס נייע, ערשט געגעבן. ניין, דאָס נייע, איז ניט פאַרשריבן, אָבער געלעבט האָט עס שוין פריער אויך אין אַ ניט־פיקסירטער פאָרעם (בעל־פּה). משה רבינו האָט געגעבן דעם יידישן פאָלק די תורה, אָבער זי איז ניט געווען קיין „שפּאָגל־נייע“, ערשט איצט געשאַפן. די אָבות—אַברהם אָבינו האָט שוין געהאַט די גאַנצע תורה און זיך געפירט לויט דער תורה. (אַזוי דערציילט אַ גמרא). משה האָט די יידישקייט פון די אָבות, דאָס וואָס איז ביי זיי געווען בעל פּה, געגעבן דעם יידישן פאָלק בכתב, פאָרמולירט און דעפינירט.

שפּעטער מיט דורות, ביי אַ גרויסער ענדערונג ווידער האָט עס עזרא פון דאָס ניי געפורעמט, פאָרמולירט, באַשטימט. עזראַס טיטול איז „עזרא הסופר“— דער פאַרשרייבער. וואָס פאַרשריבן? — פאַרשריבן די פירונגען פון פאָלק, פיקסירט דעם גאַנג — די הלכות.

נאָך שפּעטער זיינען דאָס געווען די חז״ל, וואָס האָבן אין משך פון לאַנגע דורות קאָלעקטיוו זיך פאַרנומען מיט די פירונגען און הלכות פון פאָלק: מצוות— באַפעלן, אַזוי האָט גאָט געהייסן, נאָר הלכות — שטייגער, נאָרמעס פון פאָלק. דער מקור פון יידישקייט איז גאָרניט קיין אַבסטראַקטער, פאַרזיכיקער גאָט וואָס פאָרמולירט זיינע געזעצן, דער מקור



איז דאָס לעבעדיקע פאָלק און זיינע פירונגען, זיין שטייגער, זיינע הלכות. דער גאַנצער ש״ס, ווי ער איז רעדאַקטירט געקומען צו אונדז, איז ניט קיין פאָרמולירטע געזעצן, נאָר ער איז אייגנטלעך די „פּראָטאָקאָלן פון די פאַרהאַנדלונגען און די דיסקוסיעס אין די אַקאַדעמיעס“ בעתן ווען באַשטימען די הלכות־נאָרמעס.

5.—יידישקייט אָדער יידישע רעליגיע איז אייגנטלעך קיין מאָל ניט געווען קיין גאָט־רעליגיע, נאָר אַלע מאָל—אַ פאָלק־רעליגיע. אין צענטער איז אַלע מאָל געשטאַנען דאָס פאָלק. שוין אין די עשרת הדיברות, ווען דער יידישער גאָט שטעלט זיך פאָר פאַרן גאַנצן פאָלק, רעקאָמענדירט ער זיך ניט ווי דער באַשאַפער פון קאָסמאָס, נאָר מיט אַ ריין־יידיש־פאָלקישן יחוס: דער כוח־גאָט וואָס האָט אייך באַפרייט פון קנעכטשאַפט אין מצריים. אַלע אַנדערע געבאָטן זיינען ניט וועגן גאָט, נאָר ריין סאָציאַלע נאָרמעס ווי צו לעבן. און גלייך נאָך די עשרת הדיברות קומט אַ גאַנצע סדרה „משפּטים“— סאָציאַלע געזעצן פאַרן פאָלק. און אַזוי ווייטער,, ביז די חז״ל האָבן גאָר פאַרבאָטן זיך צו פאַרנעמען מיט גאָט־פּראָבלעמען. ניטאָ אין יידישקייט קיין פאַרזאָג צו גלייבן אין גאָט־אַטריבוטן. פאַרקערט, איז גאָר פאַרבאָטן געוואָרן צו פאַרנעמען זיך מיט טעאָלאָגיע. יידישע רעליגיע פאַרנעמט זיך ניט מיט טעאָס (גאָט) נאָר מיט עטאָס (מאָראַל).

6.—יעדער רעליגיע האָט אַ ציל, צוליב וואָס. דער ציל פון אַנדערע רעליגיעס איז צו באַפרייען דעם מענטשן פון די גיהנום־פייערן נאָכן טויט. דער ציל פון דער יידישער רעליגיע איז — אין חומש — דאָס גליק פון פאָלק אין זיין לאַנד אויף דער ערד. שפּעטער, ווען דאָס לאַנד איז פאַרלאָרן געגאַנגען, אָדער נאָך פריער, איז דער ציל פון יידישקייט געוואָרן דער „באחרית הימים“, דער „לעתיד לבא“, דער „ימות המשיח“, ווען די גאַנצע מענטשהייט וועט אויסגעלייזט ווערן, ווען די מענטשן גופא וועלן בעסער ווערן, ווען מען וועט גאָר ניט דאַרפן קיין מצוות („מצוות בטלות לעתיד לבא“), ווייל דער שטייגער, די הלכה וועט זיין אַ מענטשלעך־געטלעכע. די נאַטור פון מענטשן וועט זיין געטלעך.

קומט אַרויס, אַז די אוניווערסאַלע רעליגיעס זיינען גאָר עגאָיסטישע, און די נאַציאָנאַלע יידישע רעליגיע איז מיט אַלמענטשלעכע צילן און אויפגאַבן.

7.—פעלקער האָבן זייערע רעליגיעס באַקומען, איבערגענומען. גאָט הייסט און מענטשן דאַרפן פאָלגן. ביי יידן פון חז״ל אָן איז די קבלת התורה אַ מין קעגנזייטיקע: יידן נעמען אָן די תורה ווי געטלעך. זיי, די חכמי ישראל פורעמען די געזעצן פון דער תורה, זיי פאָרמולירן, זיי באַשטימען, זיי פּסקענען. דאָס איז דער פּראָצעס פון „תלמוד תורה“: יידן פיקסירן די הלכה און גאָט, דער גוטער יידישער גאָט זיצט און שטודירט און לערנט די תורה וואָס דאָס יידישע פאָלק שאַפט. יידן אויף דער ערד האָבן זייערע ישיבות־אַקאַדעמיעס, און ער, דער רבונו של עולם, האָט אויך זיין ישיבה של מעלה, וווּ ער זיצט מיט געקליבענע חכמי ישראל און שטודירט אויך. און מען דיסקוטירט אויך מיט: הקב״ה אומר טהור און די גאַנצע ישיבה האַלט אַנדערש...

...ניין ! דערציילט ראַווידאָוויטש — גויישע טעאָלאָגן קענען עס ניט פאַרשטיין. גאָר אַנדערע באַגריפן. קיין פאַרגלייך ניט.

דאָ איז די געבעטשטע יידישע „חוצפה כלפּי שמיא“ וואָס האָט געשטעלט יידן גאָר באַזונדער פון דער גאַנצער וועלט. עס איז ניט אַז גאָט האָט געצוווּנגען די יידן מקבל צו זיין די תורה פון גאָט, ווי די גמרא דערציילט עס אין אַ וויץ, נאָר פאַרקערט, האָבן די יידן דאָס אַרויפגעצוווּנגען די אייגענע שטייגערישע יידישקייט אויף דעם רבונו של עולם, און ער— דער הייליקער פון ישראל—האָט גערן זי אָנגענומען און זי פאַרגעטלעכט, ווייל „זינט דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן האָט ניט די געבענטשטע הייליקייט אונדזערע אין דער וועלט, גאָרניט אַחוץ די פיר איילן פון דער שטייגערישער יידישער הלכה.“

דאָס איז דער אייביקער, דויערנדיקער פּראָצעס פון מתן תורה און קבלת התורה,

וואָס איז קעגנזייטיק: משה ברענגט די געטלעכע יידישקייט, וואָס אברהם האָט זי שוין געפירט. אברהם „העברי" האָט זי געפירט בעל פה; יידן אין מצרים האָבן זי געהאַט און געהיט ווי די „מיסטורין" (איראַציאָנעל און אומגעפורעמט). נאָך טיפער און נאָך ווייטער זיינען שפּעטער אַוועק די חז"ל: זיי האָבן געלערנט, געפאָרשט און פאָרמולירט די הלכות פון יידישקייט. פון וואַנען האָבן זיי גענומען? פון וואַנען געשעפּט? ניט פון הימל, נייערט פון פאָלקס־־פירונגען. **אוודאי** ניט קיין גרינגע אַרבעט: עס טאָר ניט זיין „משום דרכי האמורי", עס טאָר ניט זיין חשש פרעמדס, עס מוז זיין „מן התורה מניין?"— עס מוז האָבן וואָרצלען אין פריערדיקער יידישקייט. דאָס איז יידישקייט, וואָס דער יידישער גאָט איז מקבל און ער פאַרגעטלעכט עס.

8.—דאָס איז דער פּראָצעס פון „תלמוד תורה", וואָס איז וויכטיקער פון אַלע אַנדערע מצוות פון יידישקייט צוזאַמען. עס איז ניט לימוד תורה. לימוד תורה מיינט דערגיין וואָס די פריערדיקע האָבן שוין געוווּסט, האָבן געזאָגט שוין, פאָרמולירט. תלמוד תורה מיינט דערגיין און פאָרמולירן אַזוינע זאַכן וואָס די פריערדיקע האָבן ניט געוווּסט און ניט געקענט וויסן. האָט דאָך משה ניט געוווּסט וואָס רבי עקיבא האָט געדרשנט און געלערנט. און רבי עקיבא האָט דען שוין געוווּסט אַלץ וואָס עס האָט געדרשנט און רעגלאַמענטירט רבינו גרשום און רש"י? דאַרף מען געדענקען: יידישקייט איז אַן „עץ חיים", אַ לעבעדיקער בוים: אַלטע צווייגן פאַלן אַראָפּ און נייע וואַקסן אָן.

(ברייטער וועגן „תלמוד תורה"— אין „אייביקע וועגן פון אייביקן פאָלק" זייט 75 און ווייטער).

9.—איז וועלטלעכע יידישקייט ניט קיין נעגאַציע, ניט קיין אָפּלייקענען „מיר האַלטן ניט פון דעם, מיר גלייבן ניט", און במילא וואַרפן מיר אָפּ. דאָס איז הפקר, ניט וועלטלעך. אמתע וועלטלעכקייט מיינט: אפילו אַ ייד, וואָס גלייבט ניט אין ניסים, אין מעמד הר סיני, אין תורה מן השמים, אין די עיקרים פון רמב"ם, אפילו אַזאַ ייד האַלט פון יידישקייט, פון יידישע טראַדיציעס, יידישן שטייגער.

די גאַנצע אוראַלטע יידישקייט אָבליגירט אויך דעם וועלטלעכן יידן, פאַר אים איז די גאַנצע יידישקייט ווי זי איז דערגאַנגען צו אונדז אָבליגאַטאָריש, ניט ווייל גאָט האָט זי דערלאַנגט פאַרטיקערהייט משהן אין האַנט, נאָר ווייל עס איז אַ פּראָדוקט, אַ פונקציע פון יידישן פאָלק. אין גלויבן מוז האָבן דער וועלטלעכער ייד. ער דאַרף גלייבן אין יידישן פאָלק. גלויבן מיינט ניט זיין זיכער אַז אַלע לעגענדעס זיינען אמת, גלויבן מיינט געטריי זיין, איבערגעגעבן. אַ וועלטלעכער ייד איז געטריי זיין פאָלק, ליב און טייער, און דערפאַר באַמיט ער זיך אָפּצוהיטן אַלע שטייגער־פירונגען פון זיין פאָלק. אַ וועלטלעכער ייד האַלט ניט פון רעליגיעזן שמד. דער וואָס זאָגט זיך אָפּ פון יידישן שטייגער, ווייל ער גלייבט ניט, איז מער ניט קיין ייד, הגם ער איז ניט געשמדט רעליגיעז אין אַ קלויסטער.

10. — דאָס איז דער אונטערשייד צווישן אַ וועלטלעכן און רעליגיעזן יידן: אַ רעליגיעזער גלייבט ניט אין יידישקייט פון פאָלק, נאָר פון שולחן ערוך, נאָר דאָס וואָס איז פאַרשריבן און ווי עס איז פאַרשריבן. אַ וועלטלעכער ייד גלייבט אין דער זעלביקער יידישקייט. ער זוכט זי ניט אין שולחן ערוך, נאָר אין פאָלקישן שטייגער, ניט דווקא וואָס עס איז פאַרשריבן און ווי עס איז פאַרשריבן. אַ וועלטלעכער ייד איז מדקדק אין די עלעמענטן וואָס זיינען אויפגעקומען נאָך דעם שולחן ערוך, אויף וויפל זיי זיינען פאָלקיש און ניט נאָכמאַכעריש לויט „דרכי האמורי", נאָכגעקרימט די גוים. דער וועלטלעכער ייד האַלט די נייערע עלעמענטן נאָך טייערער (הייליקער!) ווייל זיי זיינען ייִנגערע, אַקטועלערע. די עלעמענטן זיינען געגליכן צו יונגע שוואַכע צווייגעלעך פון אַן אַלטן בוים, וואָס אין זיי איז דאָס לעבן פון בוים. אַ רעליגיעזער ייד גלייבט ניט אין פאָלק, נאָר אין גאָט. ער הייסט און ער צאָלט לאחר מאה ועשרים שנה. אַ וועלטלעכער גלייבט אין פאָלק אויב ער גלייבט אפילו ניט אין באַזונדערן פאַרזיכיקן גאָט. ער היט יידישקייט ניט פאַר דעם אָפּצאָל, נאָר צוליב זיין אידענטיפיקאַציע מיט זיין פאָלק.



11.—אַ וועלטלעכער ייד גלייבט אַז יידישקייט איז געגעבן געוואָרן, ניט אַראָפּגעפאַלן פון הימל, ניט פון גאָטס האַנט דירעקט, נאָר פון פאָלקישן אומפאָרמולירטן שטייגער אין געפורעמטע, פאָרמולירטע זאַצן. אַ וועלטלעכער ייד גלייבט ניט אין מצוות נאָר אין הלכות. אַ וועלטלעכער ייד גלייבט אַז די גאַנצע פאַרהייליקטע יידישע רעליגיע איז לכתחילה געווען וועלטלעך, פאָלקיש, שטייגעריש. ביסלעכווייז, גאַנץ בהדרגה איז עס פאַרהייליקט, פאַרגעטלעכט געוואָרן. אַלע רעליגיעזע יידן — פון סאַטמאַר ביז די עקסטע רעפאָרמער האַלטן ניט פון יידיש פאָלק, נאָר פון יידישער רעליגיע. מער ווי די רעליגיע גייט זיי ניט אָן. וועלטלעכע יידן האַלטן פון פאָלק, ניט פון רעליגיע.

12.—וועלטלעכע יידישקייט איז ניט אויסגעטראַכט געוואָרן פון די לעצטע עטלעכע דורות, עפּעס אַ נייער אָנוווּקס אין יידישן פאָלק. אָ, ניין! ביי יעדן יידן פריוואַט איז פאַראַן שבת און וואָך, קודש און חול, און אַזוי אויך ביים קאָלעקטיוו־פאָלק. יידישקייט האָט ווי חול אַזוי קודש. אַזוי איז אַלע מאָל, אַן אייביקייט געווען: וועלטלעכע פּראָבלעמען, וועלטלעכע מענטשן און רעליגיעזע מענטשן— מענטשן וואָס האָבן געמאַכט אַ לעבן פון רעליגיע און וועלטלעכע, וואָס האָבן געהאַט וואָכעדיקע פרנסות. נאָר די טערמינאָלאָגיע איז געווען אַנדערש. מען האָט געטיילט יידן אויף קהלשע (פון רעליגיע) און „עולמשע" (וועלטלעכע).

13.—וועלטלעכע יידישקייט איז די איינציקע ריכטונג, וואָס לייקנט ניט, וואָס וואַרפט ניט אָפּ די נייע, ניט די אַלטע. יידישקייט איז איין גאַנצער שטראָם אָן איבעררייסן — פון אברהם אָבינו און ביז אונדז און ווייטער נאָך אונדז ביז די ימות המשיח.

14.—זוכנדיק היסטאָרישע פאַראַלעלן, קום איך צום אויספיר: די היינטיקע רעליגיע־יידן, וואָס ריידן אין נאָמען פון גאָט, זיינען ווי אַמאָליקע איסיים. די היינטיקע רעפאָרמער, פון כלערליי מדרגות, זיינען ווי צדוקים אַמאָל. בלויז די וועלטלעכע גייען אין די דרכים פון די אַמאָליקע פרושים מיט דעם גלויבן אין „קדושת הפאָלק."

וואו איז אָבער היינט דאָס „פאָלק"? איז איצט פאַראַן אין די גלותן אַזאַ פאָלק מיט פאָלקישע צילן, אויפגאַבעס, דרכים און שטריכן? איז דען אין אורבאַניזם דאָס יידישע פאָלק ניט צעשאָטן געוואָרן? ניט אַטאָמיזירט געוואָרן אויף מיליאָנען יחידים, וואָס זיינען דאָך ניט קיין פאָלק?

איז דאָס טאַקע אמת: מיטן חורבן פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום איז חרוב ונחרב געוואָרן ניט סתם אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, נאָר עס איז חרוב געוואָרן דער איינציקער פאָלקישער שבט, וואָס איז געווען דאָס פאָלק און געשאַפן, פּראָדוצירט קולטור ווי אַ פאָלק. אַלע אַנדערע שבטים זיינען אין אייראָפּע און אין אַמעריקע שוין געוואָרן אויס פאָלק, זיי זיינען געבליבן נאָר ווי עטנישע גרופּעס, וואָס באַמיען זיך מיט אַלע מיטלען זיך אַריינצוגלידערן אין דעם לאַנדפאָלק, ווי אַן אָרגאַנישער טייל זיינער, אָן אַ פאַרזיכיקער קולטור און אָן אַ באַזונדערער שפּראַך. אויף וויפל דאָס גיט זיך ניט איין, וועט דער „ויתרוצצו" אין דעם מענטשן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, דער קאַמף פון יעקבן מיט עשיון אין דעם מענטשן גופא. דאָס איז די „עגאָפּאָביע" (זע מיין בוך: „אונדזער גאַנג צווישן פעלקער" זייט 237; מיין בוך „אייביקע וועגן פון אייביקן פאָלק" ז' 275 און ווייטער). אומעטום וווּ עס איז נאָך דאָ אַ לעבעדיקע, אַקטיווע יידישקייט, איז דאָס נאָך דער אימפּעט, דער כוח פון דאָרטן, פון דעם דאָרטיקן נעכטן. דאַרף טאַקע די וועלטלעכע יידישקייט שעפּן איר אַקטיוויקייט, פון דאָרטן און פון דעמאָלט. סיי ווי בעמט קיין מאָל ניט אַ „מאָרגן" דירעקט פון דעם היינט, תמיד פון דעם וואָס איז שוין אָפּגעשטאַנען, קריסטאַליזירט זיך. **און אַזוי מוז** עס, קען עס אויך איצט זיין.

15.—שמידן דעם מאָרגן ניט לויט די לאַנג פיקסירטע, דעפינירטע דאָגמען, נאָר פון די לעבעדיקע נאָרמעס פון נעכטן — דאָס איז די אויפגאַב פון היינט ווי

אין די גלותן אַזוי אויך אין דער מדינה. פאַראַן אַ קלוגע גמרא וואָס זאָגט, אַז די שולן און בתי מדרשים פון בבל (גלות בכלל) וועלן איינגעפעסטיקט ווערן אין ארץ ישראל. דערלויב איך זיך עטוואָס צו ענדערן דעם טעקסט און דעם זינען: ארץ ישראל וועט ערשט דעמאָלט ווערן דאָס לאַנד פון די יידן — ארץ ישראל — ווען מען וועט די קולטור־אַנשטאַלטן און זייער אינהאַלט פאַרפעסטיקן אין ארץ ישראל . . . עס גייט צו דעם.

---

## פון דער רעדאַקציע:

מיר וועלן גערן דרוקן אַרויסזאָגונגען און מיינונגען פון לייענערס וועגן די 15 פונקטן פון א. גאָלאָמב. עס קענען זיין קריטיקעס און אָפּרעגונגען. מיר בעטן אָבער שרייבן: קורץ, געפּאַסט, קורצע זאַצן, קלאָר געשריבן, אויף איין זייט פון פאַפּיר מיט טינט, ניט מיט בליי. אַ דאַנק.

די 15 פונקטן זיינען: 1—די יידישע רעליגיע איז אַנדערש. 2—ביי יידן איז רעליגיע, קולטור און יידישקייט אידענטיש איינס. 3—דער מקור פון יידישער רעליגיע איז פאָלק. פאַראַן פיקסירטע רעליגיעס. יידישקייט איז ניט פיקסירט, עס וואַקסט און שטראָמט, אַלט קען אָפּפאַלן און נייע קומט צו, וואַקסט אָן. 4—הלכות זיינען אַנדערש, ניט ווי מצוות. הלכות זיינען פון יידישן שטייגער. 5—אַנדערע רעליגיעס זיינען גאָט־רעליגיעס. יידישקייט איז אַ פאָלק־רעליגיע. 6—יידישקייט אָדער יידישע רעליגיע האָט אירע אידעאַלן ניט קיין פריוואַטע פאַר יעדן יחיד אויף דער וועלט, נאָר פאַר דער גאַנצער מענטשהייט „לעתיד לבא" אי"ה „לימות המשיח" פאַר דעם „באחרית הימים." 7—יידן זיינען מקבל געטלעכקייט און גאָט איז מקבל יידישקייט. 8—ביידע—דאָס פאָלק און גאָט—האַלטן זיך מיט „תלמוד תורה." תלמוד איז ניט לימוד; לימוד מיינט דערוויסן זיך וואָס עס איז שוין געזאָגט געוואָרן. תלמוד מיינט אַרויספירן נייעס וואָס די פריערדיקע האָבן גאָר ניט געוווסט. 9—וועלטלעכע יידישקייט נעגירט ניט, לייקנט גאָרניט. 10 — רעליגיעזע יידן זיינען געטריי צו גאָט. וועלטלעכע—זיינען געטריי דעם פאָלק. 11—וועלטלעכע יידישקייט איז אויך אַ גלויבן. 12—וועלטלעכע יידישקייט איז אַלע מאָל געווען. 13—וועלטלעכע יידן זיינען היינט ווי פרושים פאַרצייטן. 14—היינט איז ניטאָ קיין פאָלקישער מאָטיוו. 15 — דער מאָרגן בויט זיך ניט פון היינט, נאָר פון די נעכטנס.

פלאָרענס טראָפימאָוו

# דאָס לעצטע וויג־ליד

רואיק זיי מיין קינד מיין שיינס,
און הער זיך צו צו מאַמעס ניגון,
כ'וועל דיך היינט אַ מאָל נאָך איינס,
צום לעצטן מאָל פאַרוויגן.

הער זיך צו, נשמה מיינע,
צו דיין מאַמעס קול,
ווייל עס וויגט דיך מאַמע דיינע,
שוין דאָס לעצטע מאָל.

ווייל עס יאָגט דער שונא איר
און בייזע ווינטן בלאָזן.
מוז זי דיך ביים פויערס טיר
אַליין דאָ איבערלאָזן.

מאָרגן וועט אַן אַנדער מאַמע,
קינד מיינס, דיך פאַרוויגן.
וועסט זיך וואונדערן מסתמא
פון איר פרעמדן ניגון.

וועסט דאַן וועלן וועמען פרעגן,
וועלן דאָס פאַרשטיין —
וועט מאַמע זיין אויף וייטע וועגן,
אין וואַנדער אייניקע אַליין.



שמואל יוסף עגנון / ירושלים

יידיש: א. אַלמוג / לאָנדאָן

# צווישן צוויי שטעט

צווישן די בערג פון נידער־פראַנקאָניען ליגט דאָס שטעטל קאַצענאַו. די קליינע הייזלעך אירע זענען צעוואָרפן איבער גאָרטנס און פעלדער, בערגלעך און טאָלן און אירע איינוווינער זענען אַ טייל בעל־מלאכות און אַ טייל גלחים און לערערס און באַאַמטע, וואַלדהיטערס און יעגערס און פי־ציכטערס. אין מיטן שטעטל, צווישן געריכט און שטייעראַמט, אַ גאַס פון צוויי שורות הייזער, אַ שורה אַנטקעגנאיבער אַ שורה און אין זיי געוועלבער פון יידן. ווי זייערע עלטערן און אבות־אבותיהם האָרעווען זיי אויף אַ קליינעם פאַרדינסט און שטעלן צו פאַר די אָרטיקע מענטשן כלערליי סחורות, וואָס מען ברויך זיי צו האָבן און וואָס מען ברויך זיי נישט. הקדוש־ברוך־הוא האָט שוין אַזוי איינגעטיילט זיין וועלט לויט זיין רצון און באַגער, צו די האָט ער געגעבן פעלדער און גאָרטנס, און אפילו פון זיין פאָלק ישראל האָט ער נישט פאַרמיטן זיין חסד און אמת און זיי געגעבן אַן אָרט צו רוען צווישן די פעלקער און אים צו דינען און זיך מפרנס צו זיין, ווער מיט ווייניק און ווער מיט פיל. געלויבט איז ער און געלויבט זיין נאָמען, ווייל יעדער איינער ייד קומט אויס ווי ער קען. אַ מאָל זענען דאָ געווען גזירות, שמד, הריגות און גירושים, אָבער מיט דער צייט האָבן די דורות זיך געביטן און מען קוקט מער נישט קרום אויף יידן צוליב אמונה־זאַכן. מען טוט אויך נישט אונדז קיין שלעכטס איבער אונדזערע מעלות טובות. אַזוי־זשע לעבט זיך די קליינע צאָל משפחות אין שטעטל, יעדע משפחה גאַנץ גוט. מען אַרבעט ס'גאַנצע לעבן צו געפינען לייטזעליקייט ביי גאָט און ביי מענטשן, און מען פאַרלאַנגט נישט מער פאַר זיך ווי נאָר לויט דער פראַצע און ווי מען דאַרף אויסצוקומען. מען פאַרזאָרגט דאָס הויזגעזינד ווי ס'געהער צו זיין און מען איז מקיים די מצוות ווי מ'האָט זיי מקבל געווען פון די עלטערן, און מען פרעגט נישט פאַרוואָס, מחמת דער עיקר טעם פון אַ מצווה איז וואָס אַ מענטש איז זוכה טועם צו זיין ביים מקיים זיין זי. איז טאַקע געזאָגט געוואָרן אויף זיי און זייערס גלייכן, אַז אַ מענטש איז געבוירן געוואָרן צו מידיקייט, צו דער מידיקייט פון פרנסה און צו דער מידיקייט פון מצוות.

קומט אַ שבת קומט מנוחה. ערב־שבת נאָך האַלבן טאָג הערט מען אויף מיטן משא־מתן. די ווייבער פאַרנעמען זיך מיט אָנגרייטן אויף שבת און די מענער מאַכן זיך צורעכט די בערד, אַ האָר נאָך אַ האָר מיט אַ צווענגעלע אַזאַ. און דער שבת קומט נישט אַריין איידער מען גייט נישט צום דאַווענען מיט אַ שבתדיק פנים און שבתדיקע מלבושים, און יעדער איינער גייט און זעצט זיך אויף דער שטאָט וואָס ר'האָט געירשנט פון זיינע עלטערן. און דער אַלטער מלמד, וועלכער איז אויך שוחט און חזן, גייט און שטעלט זיך פאַרן עמוד און דאַוונט מיט די סקאַרבאָווע ניגונים פון דור־דורות, וועלכע זענען זיכער זיס פאַרן רבונו־של־עולם. און נאָכן דאַווענען מאַכט מען קידוש איבער וויין און מען עסט די שבת־סעודה מיט חלה און מיט פלייש און מיט די איבעריקע מאכלים, וואָס קומען קיין מאָל נישט אַרויף אויפן טיש אַחוץ שבת און יום־טוב. איז עס ווינטער, זינגט מען זמירות, איז עס זומער, ווען די נעכט זענען קורץ, פאַרזיסט אַ מענטש זיין טיש מיט אַ שיר־המעלות פאַרן בענטשן. קען איינער אַ פרשה חומש, איז ער מעביר די סדרה פון דער וואָך, און ווער קען נישט קיין חומש לייענט דעם „איזראַעליט" אָדער „דאָס פאַמיליענבלאַט" ביז עס באַפאַלט אים דער שלאָף.

אין דער פרי פעדערט מען זיך צום דאַווענען, און דער אַלטער מלמד, דער חזן, שטעלט זיך פאַרן בעלעמער און לייענט אין דער תורה, און די גבאים טיילן אין די עליות לויט אַ ריי, כדי עס זאָל נישט קומען צו קיין מחלוקת, מחמת

איין מאָל האָט מען זיך טאַקע גענומען קריגן און שיער נישט די קהילה אויסגעוואָרצלט געוואָרן. האָט מען אָפּגעמאַכט, אַז עליות זאָלן זיין לויט אַ ריי, מיטן אויסנאַם פון הער גינדערסהיימער דעם זקן און נידערמייער דעם קצב, וואָס כל־זמן זיי וווינען אין שטעטל קריגן זיי יעדן שבת עליות, ווייל דער איז אַ כהן און דער אַ לוי און זענען זוכה צו דעם, מיט וועלכן די תורה אַליין האָט זיי מזכה געווען. און נאָכן דאַווענען גייט מען צוריק אַהיים און מען מאַכט קידוש איבער היימישן וויין און מען האָט הנאה פון פיל געקעכצן וואָס קומען נישט אַרויף אויפן טיש אַחוץ שבת און יום־טוב. אין ווינטער, ווען די טעג זענען קליין, גייט דער שבת פאַרביי גיך. ביז מען האָט געענדיקט ברכי נפשי איז שוין צייט צו דאַווענען מעריב, און ווידער קומען אָן די טעג פון האָרעוואַניע, וועלכע זענען אונדז נישט געגעבן געוואָרן אויף מנוחה, נאָר אויף צער און מידיקייט.

## ב.

אָבער זומער ענדערט קאַצענאַו אַביסל איר פנים צום גוטן. אָט דאָס קליינע שטעטל, וואָס רוט צווישן בערג און איז איינגעקוועטשט צווישן וועלדער און פיר־פינף חדשים אָפּגעשניטן פון דער וועלט דורך שנייען און שטורעמס און געוויטער. אַ צווילינג־שוועסטער האָט זי, דאָס איז קאַצענאַו דאָס קור־אָרט, וואָס רפואה־קוואַלן שפּרודלען פון איר ערד. קומט מען אַהין פון דער גאַנצער מדינה צו טרינקען פון אירע וואַסערן און זיך צו באָדן אין אירע בעדער. די גוטבאַזיצער האָבן זיך געלאָזט אויפבויען ווילעס צו פאַרדינגען צו געסט און פלאַנצן גאָרטנס און אויפגעשטעלט שפּיל־הייזער און אַהין געברענגט מוזיקאַנטן צו שפּילן פאַר די געסט, און עס קומען אַפילו אַהין מענטשן פון קאַצענאַו צו שפּאַצירן אויף דער פּראָמענאַדע און הערן מוזיק. און זינט הער גונדערסהיימער דער זקן און נידערמייער דער קצב האָבן זיך אויפגעעפנט אַכסניות אין דער קור־שטאָט קאַצענאַו קומען דאָרטן אַהין אויך אַזעלכע, וואָס עסן כשרס. עס קומען אַפילו אַהין יידן פון דער אייגענער קהילה זיך זען מיט זייערע ברידער־יידן.

הער גונדערסהיימער און הער נידערמייער לעבן בשלום איינער מיטן אַנדערן. און מאַכט זיך אַ געלעגנהייט העלפן זיי זיך איינס דאָס אַנדערע. אפשר איז עס ווייל זיי זענען איבערפילט מיט געסט און איינער דאַרף נישט מקנא זיין דעם צווייטן, און אפשר איז עס ווייל זיי זענען אַזוי געלערנט געוואָרן צו העלפן דער דעם, מחמת דער איז דאָך אַ כהן און דער אַ לוי, און מיטן לוי לערנט מען צו גיסן וואַסער איבער די הענט פון כהן ווען ער גייט דוכנען, און מיטן כהן ווייטער לערנט מען איינצושליסן דעם לוי מיט כל ישראל אין ברכת־כהנים.

און אַזוי, זינט די קור־שטאָט קאַצענאַו איז געוואָרן אַ קור־שטאָט און ווער עס האָט געזוכט אַ רפואה איז דאָרט אַהינגעקומען און בתוכם יידן, האָבן די שטאָטלייט פון קאַצענאַו אויך אָנגעהויבן אַהין צו קומען. היות במשך פון די זעקס טעג פון דער וואָך זענען זיי פאַרנומען מיט זייערע געשעפטן און האָבן נישט קיין פרייע שעה, שבת אָבער איז דער טאָג לאַנג און ס'איז נישטאָ וואָס צו טאָן, נעמט יעדער איינער זיין ווייב, זין און טעכטער און מען גייט צוזאַמען שפּאַצירן צווישן ביימער און גאָרטנס, בלומען או געסט און מען זעט אַ ניי פנים, און מען הערט אַ גוט וואָרט. טייל מאָל טרעפט אַז אַ רב קומט דאָרט אַהין זיך קורירן, און די לייט פון שטעטל קאַצענאַו, נישט זייענדיק אומשטאַנד אויפצונעמען אַן אייגענעם רב, ווייל זיי זענען אַזוי קליין אין צאָל, קומען און געבן אים אָפּ שלום. טרעפט, אַז אַ זקן אַ בעל־הבית בייגט זיך איין און קושט אים די האַנט, און חידושט זיך איבער דער ווייכער און דעליקאַטער האַנט, מיט וועלכער רבנות איז איינעם מזכה.

אָט־אָ די שעה שבת נאָך מיטאָג, ווען די גאַנצע קהילה גייט אין דער קור־שטאָט אַריין, איז אַ שעה, אויף וועלכער אַלע קוקן אויס אַלע טעג פון דער וואָך. פון קאַצענאַו ביז קאַצענאַו איז נישט קיין לאַנגער מהלך און אַ גרויסער סאָסנעוואַלד גיט אייך שאָטן, אַזוי, אַז עס איז נישט קיין טרחה אפילו פאַר ווייבער, זקנים און קינדער צו גיין פון איין שטאָט אין דער אַנדערער אַריין. און בשעת מען



גייט אַזוי אין וואַלד און די ביימער גיבן אייך אַ שאָטן און שמעקן אַזוי גוט, פייגעלעך שפּילן זיך צווישן זיי, ברייטערט זיך אויס אַ מענטשנס האַרץ און די צונג זיינע וועקט זיך אַליין אויף. אפילו דער גוף, וואָס איז איינגעבויגן פון דער לאַסט פון סחורה און פון כסדרדיקן פאַרנייגן זיך פאַר קונהטעס, גלייכט זיך אַ ביסל אויס. נאָך מער, ווען מען קערט זיך אום פון דער קור־שטאָט און מען דערמאָנט זיך עפּעס אַ גוט וואָרט, וואָס מ'האָט געהערט פון אַ גאַסט. אַ גרויסע וועלט האָט דער גוטער גאָט באַשאַפן מיט אַ סך מענטשן און צעשפּרייט איבער פיל מקומות און געגעבן יעדן מקום עפּעס אייגנאַרטיקס און אין האַרץ פון יעדן איינעם מענטש אַן אייגנאַרטיקע קלוגשאַפט. גייט אַ מענטש אַרויס פון זיין מקום און באַגעגנט זיך מיט אַ מענטש פון אַן אַנדער מקום ברייטערט זיך אויס זיין פאַרשטאַנד פון די בלויזע ווערטער, וואָס ער הערט.

## ג.

די גרויסע מלחמה*), וואָס האָט אָנגערירט סיי שלעכטע סיי גוטע, האָט נישט איבערגעהיפּערט אפילו אויף קאַצענאַו, אַ כל־שכן אויף די יידן, וואָס פונעם סאַמע אָנהייב מלחמה אָן האָבן זיך געאיילט און געיאָגט צו באַשיצן זייער לאַנד. ווער ס'האָט געהאַט דערגרייכט די יאָרן פון מיליטער־דינסט איז גערופן געוואָרן צו דער אַרמיי, און ווער ס'איז נאָך נישט אַלט געווען גענוג איז פרייוויליק געגאַנגען. פון די יידן דאָרט איז קיינער נישט איבערגעבליבן אַחוץ ווייבער, קליינע קינדער און זקנים און אַ ביסל בעלי־בתים, וואָס די שטאָט האָט זיי געברויכט צו האָבן. עפּעס אַ מרה־שחורה האָט אַראָפּגענידערט אויף דער קהילה צוליב דעם וואָס די בחורים זענען אַוועק אויפן פראָנט. עס איז מער נישט איבערגעבליבן ווי נאָר אָט די קנאַפּע נחמה אַרויסצוגיין זומער שבת נאָך מיטאָג אין דער קור־שטאָט אַריין און באַגעגענען אַ פנים חדשות און הערן עפּעס נייעס און ווי די מלחמה גייט.

אָבער אַן אַנדער שטיקל טובה איז דאָרטן דאָך געווען: בעת דאָס רוב פון דער מדינה איז געווען געענגט אין שפּייז, איז אין קאַצענאַו, וואָס שטעקט אין בייערן, געווען אַ שפע פון ברויט און פלייש און מילך און פירות, איז מען טאַקע געקומען אין דער קור־שטאָט אַריין נישט בלויז זיך קורירן, נאָר אויך זיך אָנעסן צו דער זעט.

צוליב אָט דער סיבה איז אין יענע טעג אַהין געקומען קיין קאַצענאַו די קור־שטאָט הער איזידאָר שאַלטיאָר פון פראַנקפורט. הער איזידאָר שאַלטיאָר איז געווען אַ דרדקי־מלמד אין אַ חדר פון זיין שטאָט. אָבער זיין גייסט האָט געבענקט צו גרויסע זאַכן, נאָר די גרויסע זאַכן זענען שוין געטאָן געוואָרן פון אַנדערע מענטשן און ס'איז פאַר הער שאַלטיאָר נישט איבערגעבליבן קיין שום זאַך מחדש צו זיין. בעל־כרחו האָט ער זיך געמוזט אָפּזאָגן פון יעדער גרויסער זאַך און זיך פאַרנעמען מיט זיין קליינעם גוף, וואָס איז שלאַף געוואָרן, מחמת מלמדות איז אַ שווערע מלאכה, אַ כל־שכן אין מלחמה־צייט, ווען די טאַטעס שלאָגן זיך אויפן פראָנט און די קינדער טוען וואָס זייער האַרץ גלוסט.

הער גונדערהיימער, דער זקן, דער בעל־האכסניה, האָט זייער גוט אויף אים אַכטונג געגעבן און אים דערלאַנגט נאָך עפּעס צו עסן און צו טרינקען, מער ווי ער האָט באַצאָלט. האָט ער טאַקע זיך אַזוי געגעסן און געטרונקען און געשלאָפן. און צווישן איין מאָלצייט און דעם אַנדערן איז ער זיך געזעסן אויף אַ לען־שטול

*) פון דער רעדאַקציע: דער מחבר ש. י. עגנון, האָט דאָ אין זינען די ערשטע וועלט־מלחמה. דעמאָלט האָט די דייטשע מאַכט נאָך פּרעטענדירט צו זיין „ציוויליזירט" און האָט נאָך ניט עפנטלעך אַרויסגעצייגט ווילדן אַנטיסעמיטיזם און ניט אָפיציעל איינגעפירט קיין גענאָסייד — ניט אין דייטשלאַנד גופא און ניט אין די אָקופּירטע געביטן. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ש. י. עגנון געווינט אין בערלין און איז זייער גוט געווען באַקאַנט מיט די אומשטענדן און אויפפירונגען אין די יידישע געטאָס אין דייטשלאַנד, עסטרייך און גאַליציע.

אין גאָרטן פאַר דער אַכסניה און געשלאָסן די אויג איינצושלאָפן.

אַז עס זענען פאַרביי אייניקע טעג און דער גוף איז אים שווערער געוואָרן פון פיל עסן און טרינקען און שלאָפן, האָט ער גענומען גיין שפאַצירן צווישן איין מאָלצייט און צווייטן, כדי צו פאַרדייען די שפייז אין זיינע געדערים און כדי צו קענען אויפנעמען פרישע שפייז. אין יענע טעג, די טעג פון דער מלחמה, האָבן דאָס רוב שטאָטלייט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן הלכות עסן, און אַז אַ שטאָטישער מענטש איז אָנגעקומען אויף אַן אָרט, וואו ס'איז געווען אַ שפע שפייז, האָט ער זיך גענייטיקט אין אַ סך קונצן צו פאַרנעמען אַזוי פיל עסן. אָט־אָ צוליב דעם שפאַצירט זיך הער שאַלטיאָר צווישן מאָלצייט און מאָלצייט. כדי אויסצוברייטערן דעם גוף, און כדי נישט מיד צו מאַכן דעם מוח מיט איבערפליסיקע געדאַנקען האָט ער פאַרמיטן זיין מחשבה פון יעדן וואָרט, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַ שמץ פון מידקייט און גענומען ציילן זיינע שריט אָדער די טעלעגראַף־דראָטן. אַ לעבעדיקער מענטש שטעלט זיך נישט צופרידן בלויז מיט ערדישע זאַכן, נאָר פרובירט אויך זיך צו דערהייבן ביז צום הימל.

גייענדיק זיך אַזוי אויף זיין וועג, האָט הער איזידאָר שאַלטיאָר פאַרבלאָנדזשעט אין שטעטל קאַצענאַו אַריין. פלוצלינג האָט ער דערשמעקט דעם ריח פון וואַרעם ברויט. איז ער אַזוי נאָכגעגאַנגען אָט דעם ריח ביז ר'איז געקומען צו אַ יידישן בעקער. האָט אָנגעקלאַפט אין דער טיר און אַריינגעגאַנגען. מען האָט גלייך דערקענט, אַז ער איז אַ שיינער ייד, און מען האָט אים פריינדלעך אויפגענומען. און ווען מ'האָט געהערט אַז ער איז אַ מלמד און נישט בלויז דאָס, נאָר אַז ער איז אויך פון פראַנקפורט, האָט מען אים אָפּגעגעבן טאָפּלט כבוד. מען האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז קאַלטע מילך מיט אַ געבעקס און ברויט מיט פוטער און קעז. ער האָט אויפגעגעסן און אויסגעטרונקען און הנאה געהאַט, און גענומען זיפצן איבער זיין ווייב און עופהלעך, וואָס בשעת ער עסט ווייס ברויט מיט פוטער און קעז און טרינקט פעטע מילך, האָבן זיי אפילו נישט קיין טרוקן שטיקל ברויט צו דער זעט, מחמת אין די גרויסע שטעט אויב איינער איז נישט קיין שפעקולאַנט אָדער האָט צו טאָן מיט דאָרפסלייט, האָט ער ניט צו עסן.

דער בעקער מיט דער בעקערין האָבן זיך דערבאַרעמט אויפן ווייב און קינדער פון מלמד און גענומען אַ טוץ אייער און אַ פונט פוטער מיט קעז און געבעקסן און זיי איינגעפאַקט אין פאַפיר, זאָגנדיק צו אים, אַז נישט ווייט פון דאַנען איז די פאָסט און אויב די מי איז אים נישט צופיל, קען ער אַוועקשיקן אָט דאָס קליינע פעקל צו זיינע בני־בית, און אויב דער וועג איז אים נישט צופיל, קען ער קומען יעדע וואָך און זיין טרחה וועט נישט זיין אומזיסט. אין מיטן אָט די רייד קומט אַריין הער דינגעספעלדער, דעם בעקערס שכן. אַ קנאה האָט זיך אויפגעוועקט ביי אים אין האַרץ און ר'האָט אַ זאָג געטאָן: „ניין, נאָר קומענדיקע וואָך זאָל דער הער לערער מיך מכבד זיין, מחמת אַ פעקל פול מיט כל־טוב שטייט ביי מיר גרייט פאַר מיין זון און כ'קען עס נישט אַוועקשיקן, ווייל ריינהאָלדשי, מיין זון, לעבן זאָל ער, איז געפאַנגען אין די הענט פון די פאַרפלוכטע פראַנצויזן און מיר ווייסן נישט וואו ער געפינט זיך. „נאָר מיטן באַדינג, אַז דער הער לערער וועט עס קיינעם נישט אויסזאָגן, מחמת הער דינגעספעלדער האָט מורא טאָמער וועלן די אַנדערע יידן אין דער קהילה אים אויסכאַפן די מצוה. און אַ גרונט מורא צו האָבן האָט ער יאָ געהאַט, ווייל אין יענע טעג, ווען דאָס האַרץ האָט זיך געקוועלט איז די האַנט געשטאַנען אָפן צו צדקה און גמילות־חסדים. אָבער זיין שמחה האָט אים אַליין געמאַכט אַצו אַ הולך־רכיל.

ס'איז נישט פאַרביי קיין צוויי־דריי שעה און גאַנץ קאַצענאַו האָט שוין דערפון געוואוסט, אַז עס איז אַהער געקומען אַ ייד, וועמען מען קען אַ טובה טאָן. יעדער בעל־הבית האָט באַלד אַ דורכגענישטערט זיין הויז און אָנגעגרייט פאַרשיידענע זאַכן פאַרן מלמד. פון איצט אָן איז הער שאַלטיאָר געוואָרן אַ שטאַמגאַסט אין שטעטל און ס'איז נישט פאַרביי קיין וואָך אַז ער זאָל נישט קומען קיין קאַצענאַו און ס'האָט זיך נישט געפונען קיין ייד אין



קאַצענאַו וואָס זאָל אים נישט געבן פון זיין ברויט און פוטער און אייער און אַנדערע מאכלים. אויפן וועג אַהין און צוריק האָט הער שאַלטיאָר געטראַכט אַ סך מחשבות איבער אַלעם, וואָס ער עסט און טרינקט, און אַזוי אויך איבער זיין ווייב וואָס האָט זוכה געווען צו האָבן אַזאַ מאַן ווי אים וועלכער האָט זי אין זיבען פון דער ווייטנס מיט פעקלעך כל־טוב.

## ד.

פאַראַן אַ מענטש וואָס איז מסוגל צו טראַכטן איין מחשבה אַ סך טעג און פאַראַן אַ מענטש וואָס זיין שטייגער איז צו וואַנדערן פון געדאַנק צו געדאַנק. הער איזידאָר שאַלטיאָר, וועלכער איז געווען אַ מלמד כל־ימיו און געלערנט איין תורה, האָט געהאַט די געוווינהייט זיך צו האַלטן ביי איין מחשבה פיל טעג. איצט, נישט זייענדיק משועבד צו תלמידים, האָט ער געזוכט נייע מחשבות. אָבער יעדע מחשבה מיט עפעס אַ חשיבות איז שוין געלעגן ביי אַנדערע אין די הענט און אים איז מער נישט איבערגעבליבן ווי בלויז דער געדאַנק פון עסן און טרינקען. ס'איז אים מער נישט איבערגעבליבן ווי צו טאָן מיט די פיס דאָס וואָס דער מוח טוט נישט. הער שאַלטיאָר האָט זיך גענומען צו ציילן זיינע שריט. אַז ער איז מיד געוואָרן צו ציילן די שריט, האָט ער געציילט די טעלעגראַף־דראָטן. איז ער מיד געוואָרן צו ציילן די טעלעגראַף־דראָטן, האָט ער זיך ווידער גענומען ציילן זיינע שריט. צום סוף האָט ער גענומען טראַכטן וויפל איילן דאָס קען זיין. היות ער האָט שוין געהאַט איבערגעציילט איין מאָל און אַ צווייט מאָל איז ער געבליבן שטיין און זיך געוואונדערט, מחמת פון קאַצענאַו קיין קאַצענאַו איז געווען מער ווי צוויי טויזנט איילן און דאָך זענען די יידן פון שטעטל קאַצענאַו זיך נוהג צו גיין אין דער קור־שטאָט קאַצענאַו אַריין אום שבת און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי ווערן נכשל אין איסור תחום שבת. קען עס געמאָלט זיין פאַר אַ גאַנצער קהילה פון גאָטספאָרכטיקע יידן, וואָס היטן אָפּ די מצוות, עובר צו זיין אויף אַזאַ האַרבן איסור? דאָס און נאָך עפעס: אַזוי פיל רבנים חרידים זענען שוין געווען אין דער קור־שטאָט קאַצענאַו צו טרינקען פון אירע וואַסערן און זיך באָדן אין אירע בעדער, איז עס מעגלעך, אַז עס האָט זיי גאָרנישט געאַרט און האָבן זיי נישט געזאָגט קיין מוסר? האָט ער זיך אומגעקערט און ווידער גענומען מעסטן קליינע און גרויסע שריט, און ווידער דאָ געפונען מער ווי אַ תחום שבת. נאָך אַלץ האָט ער נישט געשטעלט אויף זיך צו זאָגן, איך בין דער איינציקער, איך בין דער ערשטער איינצוזען אָט די זאַך, נאָר ער האָט געזאָגט, אפשר איז עס ווייל כ'בין מיד פון צופיל עסן און טרינקען, האָבן זיך מיינע שריט געקירצט. האָט ער גענומען אויף זיך איבערצוחזרן און אויספאָרשן צומאָרגנס איידער אַ מאכל אָדער אַ געטראַנק גייט אַריין אין זיינע געדערים. פונקט צומאָרגנס, ווען ער האָט ווידער געמאָסטן דעם וועג, האָט ער געפונען, אַז דער וועג האָט זיך נישט געענדערט. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געמאַכט אַ צייכן ביז וואַנען עס גרייכט דער גבול פון עירוב.

ס'איז שוין דעמאָלט געווען פינצטער און ס'האָט זיך נישט געלוינט צו גיין און אומקערן. אָבער אַ טאָג שפעטער האָט ער זיך אָנגעגורט און געגאַנגען קיין ק"ק קאַצענאַו זיי מודיע צו זיין וואָס מען ברויך זיי מודיע זיין. אַז די מענטשן פון דער קהילה האָבן דערזען דעם מלמד האָבן זיי זיך אַביסל געוואונדערט, מחמת יענע וואָך האָט ער דאָך שוין געהאַט באַקומען זיין חלק און זיי האָבן נאָך נישט וואָס אים ווידער צו געבן. האָט ער צו זיי געזאָגט: „רבותי, הערט מיך אויס, כ'בין נישט געקומען פאַר מיינעטוועגן און נישט צוליב זאַכן וואָס פאַרגייען, נאָר פאַר אייער טובה וועגן און אייער הנאה בין איך געקומען, כדי אייך מציל צו זיין פון אַ האַרבער עברה. אין שייכות מיט דעם וואָס איר האָט אייך מתיר געווען צו גיין אום שבת אין דער קור־שטאָט אַריין, און דאָ האַנדלט זיך אין מער ווי אַ תחום־שבת."

זיי האָבן אים אויסגעהערט און ס'האָט זיי פאַרכאַפּט דעם אָטעם. זיי האָבן געשטאַמלט: „ס'איז אַ מנהג ביי אונדז פון אונדזערע עלטערן און אפילו אונדזער מלמד, וועלכער איז אַ זקן און בקי אין די דינים, האָט אויך גאָרנישט געהאַט צו

זאָגן דאַקעגן, און נישט בלויז דאָס, נאָר ער אַליין האָט זיך אויך נוהג געווען צו שפּאַצירן מיט אונדז אין דער קור־שטאָט אַריין און מיר האָבן נישט געהערט אַז ער זאָל לייגן אַן עירוב.״ האָט הער שאַלטיאָר צו זיי געזאָגט: „הערט מיך אויס, רבותי, וואָס איז געווען איז געווען, און פון איצט אָן און להבא טאָרט איר שבת נישט גיין אין דער קור־שטאָט אַריין, ווייל איך האָב געמאָסטן און געפונען, אַז עס איז מער ווי אַ תחום שבת. און איצט לאָמיר גיין צו אייער מלמד און הערן צוליב וועלכן טעם ער האָט אייך נישט פאַרווערט.״

איז מען געגאַנגען צום אַלטן מלמד און אים דערציילט די גאַנצע זאַך. האָט דער זקן צו זיי געזאָגט: „די רוסן האָבן אַ געבעט־הויז אין דער קור־שטאָט, וווהין די רוסישע געסט גייען אָפּריכטן זייערע געבעטן, ווייל זייער רעליגיע איז אַנדערש ווי די רעליגיע פון די איבעריקע גויים פון לאַנד, און דאָרטן ביי דער ראָגאַטקע פון שטאָט געפינט זיך אַ מין דירה פאַר זייער דיאַק און זי פאַררעכנט זיך צו דער שטאָט.״ זענען זיי בייז געוואָרן און האָבן געזאָגט: „אויב אַזוי, איז שוין לאַנג בטל געוואָרן דער טעם, ווייל זייער דיאַק איז אַוועק מתחילת דער מלחמה און פון זיין וווינונג איז מער נישט איבערגעבליבן קיין שטיין אויף אַ שטיין.״ האָט דער זקן צו זיי געזאָגט, „אויב אַזוי, מוזן מיר זיך מצמצם זיין און קיינער האָט נישט קיין היתר צו גיין פון קאַצעגאַו קיין קאַצענאַו אום שבת.״

די נשמה איז שיער נישט אַרויס ביי די זקנים פון דער קהילה מחמת די אַלע שבתים, אין וועלכע זיי האָבן עובר געווען אויפן איסור תחומים, און האָבן געגעבן אַ לויב און אַ דאַנק דעם מלמד, הער שאַלטיאָר, וואָס האָט זיך מטריח געווען זיי מציל צו זיין פון דער עבירה. פון איצט אָן און ווייטער איז שוין קיינער נישט געגאַנגען אַחוץ ביזן אָרט, וואָס דער מלמד האָט פאַר זיי אָנגעצייכנט. ביז הער שאַלטיאָר איז נישט געקומען קיין קאַצענאַו האָט אַ ייד זיך שפּאַצירט פאַר זיין הנאה וועגן. איצט איז דעם יידס הנאה צו בלייבן אין גבול פון תחום.

### ה.

דער קור־סעזאָן האָט זיך געהאַלטן ביים ענדיקן און ס'איז געקומען די צייט פאַר הער איזידאָר שאַלטיאָר צו גיין אַהיים. דאָס פּנים איז אים פול און זיינע טאַשן אָנגעשטאָפּט מיט גוטע מאכלים, וואָס די מענטשן פון ק״ק קאַצענאַו האָבן אים מיטגעגעבן אויפן וועג. פון יענעם טאָג אָן, ווען ער איז אַרויס פון זיין מוטערס לייב, האָט ער נישט געזען אַזאַ גוטס ווי אין יענע טעג, וואָס ר'האָט פאַרברענגט אין קאַצענאַו. יעדן טאָג האָט ער געגעסן מער ווי צו דער זעט און יעדע וואָך האָט ער פאַרזאָרגט זיין הויזגעזינד מיט פּוטער און מיט קעז און מיט אייער און מיט פּירות, וועלכע זיינע פאַרערער האָבן אים געגעבן בחינם, אָן געלט. ער אָבער האָט זיי באַצאָלט זייער שכר אויף עולם־הבא, מחמת ר'האָט זיי אָפּגעראַטעוועט פון חילול־שבת.

דער קור־סעזאָן האָט זיך געענדיקט און די קור־שטאָט האָט זיך אויסגעליידיקט פון געסט. וואָס שייך די ווילליע־אייגנטימער, זענען אַ טייל אָפּגעפאָרן צו זייערע קרובים אויף רו נאָך דער שווערער אַרבעט אין זומער, און די, וואָס זענען איבערגעבליבן צוהויז, זיצן און ציילן דאָס אַריינגעקומענע געלט פון די געסט. ביינאַכט גייען זיי איינס צום אַנדערן שפּילן קאָרטן. און אפילו אין שטעטל קאַצענאַו מערקט זיך דער אונטערשייד. ווער ס'איז געווען געוווינט צו גיין אין דער קור־שטאָט אַריין און צו שפּאַצירן אויף דער פּראָמענאַדע דאָרטן, זיצט זיך אין דער ביר־שענק און טרינקט ביר און עפּל־וויין און דערציילט פון דער מלחמה און פון דייטשלאַנדס נצחונות. פּראָפּאַגאַנדע־לייט גייען און קומען און די לערער מיט די באַאַמטע באַראָטן זיך טעגלעך וועגן באַשטייערונגען פאַר דער מלחמה. יידן, וואָס זענען די ערשטע צו געבן, גיבן און גיבן נאָך אַ מאָל. און ס'איז דאָך פאַרשטענדלעך אַז זיי זאָלן געבן, אַ כל־שכן אין אָט די שלעכטע צייטן ווען די פּנימער פון זייערע שכנים האָבן זיך געענדערט נישט צום גוטן. אויסזעען זעט נאָך אַלץ אויס ווי געווען, אָבער יעדער ייד, וואָס האָט עפּעס צו טאָן מיט



דער מאַכט, ווערט עפּעס אויסגעפאָרשט מער ווי געוויינלעך.

און ווידער קומען אָן די ווינטער־טעג. די טעג זענען קורץ און די נעכט לאַנג. און נאָך מער ווי אַ מענטש מידט זיך אויס בייטאָג, מחמת זיינע שלעכטע געשעפטן, מידט ער זיך אויס ביינאַכט מחמת שלאָפלאָזיקייט און שלעכטע חלומות. נישטאָ קיינער וואָס איז נישט אין קיין צרה. דעמס זון האָט דער שונא גענומען אין געפאַנגענשאַפט אַריין און דעם איידעמס האָט מען אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט. אָט די קליינע קהילה, וואָס אַלע יונגע לייט זענען פון איר אַוועק מיטן אויסברוך פון דער מלחמה, רוט אין צער און אין טרויער. קומט עמיצער אַהיים איז עס נאָר צוליב אַ וווּנד וואָס ער האָט באַקומען.

אַ גרויסע צרה איז געקומען אויפן הויז פון מיזאַם דעם בעקער. אַן איינציקן זון האָט ער, אַן אויסגעבעטן קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט נסים און דערצויגן געוואָרן מיט נסים און לעבט מיט אַ נס. ווען די מלחמה איז געקומען האָט ער זיך אָנגעגורט מיט גבורה ווי אַ העלד און געזאָגט, „איך וויל אויך גיין אין דער מלחמה אַריין.״ האָבן די מיליטערלייט אים צוליב געטאָן און פאַרקוקט אויף זיין שלאַפקייט און אים געשיקט אויפן פראָנט. אַ קויל האָט אים געטראָפן אין דער לינקער זייט און ר'איז אָפּגעלעגן חדשים אין אַ שפּיטאָל. ווען ער איז אויסגעהיילט געוואָרן איז ער ווידער אַוועק אויפן פראָנט. אין די אָקאָפּעס זענען אים ביידע פיס אָפּגעפרוירן געוואָרן און מ'האָט אים אָפּגעשיקט אַהיים, אַרומגעבונדן מיט אַן ערן־אויסצייכענונג פון העלדישקייט, אָבער אָן פיס.

### ו.

ס'איז דאָ נאָך אַ צרה, דאָס איז די צרה פון ליזל, פרוי מיזאַמס שוועסטער. ליזל האָט חתונה געהאַט מיט הער זיגפריד שפּייער, אַ סוחר פון לעדערוואַרג אין אָפּענבאַך און די צוויי שוועסטער האָבן געבענקט איינע נאָך דער אַנדערער און נישט געקענט קומען איינע צו דער אַנדערער, ווייל די איז געווען פאַרנומען אין איר געוועלב און די איז געווען פאַרנומען ביי איר אויוון, און האָבן באַפריידיקט זייער בענקען מיט בריוו און חלומות, וואָס איינע האָט געחלומט איבער דער אַנדערער און געהאָפט, אַז אַ נס וועט געשען און זיי וועלן זיך זען איינע די אַנדערע. אַ נס איז טאַקע געשען, אָבער נישט צום גוטן. ליזלס מאַן איז געשטאָרבן אין דער מלחמה און ליזל איז איבערגעבליבן אַן אַלמנה מיט דריי קינדער און אַביסל סחורה. נאָכן פאַרקויפן די סחורה האָט דער פּדיון נישט געסטייעט צו קויפן פרישע סחורה. איז זי געזעסן אָן סחורה און אָן פּרנסה. האָט הער מיזאַם, איר שוואָגער, איר געפונען אַ שטעלע ביי נידערמייער, זייער בן־עיר אין זיין אַכסניה אין דער קור־שטאָט קאַצענאַו. האָט זי איינגעטיילט אירע קינדער צווישן מאַנס קרובים און איז אַליין אַוועק קיין קאַצענאַו. אַרבעט ליזל אַלע טעג ביי נידערמייער אין דער אַכסניה, און האָט אפילו ביינאַכט קיין מנוחה נישט, מחמת די אַכסניה איז פול מיט געסט און ס'איז דאָ אַ סך צו טאָן, און ליזל קען אפילו נישט גיין צו דער שוועסטער אויף איין שעה, כאָטש ס'איז אַ קורצער וועג, ווי אַ קאַצנשפּרונג. אויך פרוי מיזאַם איז נישט פריי צו גיין צו ליזל, כאָטש זי איז זעלבסטשטענדיק, ווייל עס זענען אַנגסטיקע טעג דורך די שפּייז־קאַרטן און חשבונות מיט דער מאַכט און צוליב איר זון, וואָס איז בלויז גוף און אָן פיס. אַ נס וואָס ס'איז דאָ שבתים און ימים־טובים, ווען אַ מענטש קען זיך באַפרייען פון זיינע עסקים. ליזל קען אפילו שבת און יום־טוב זיך נישט באַפרייען פון אירע עסקים צוליב די געסט.

איז געקומען דער צווייטער טאָג שבועות האָבן די געסט פון פּוילן געמאַכט אַ מנין פאַר זיך מיט מזכיר נשמות, ווי דער מנהג איז אין פּוילן. איז ליזע געקומען דאַווענען מיט זיי. נאָכן דאַווענען האָט זי גערעדט צו זיך און געזאָגט: „מיט די מתים האָב איך שוין גערעדט און ווען וועל איך רעדן מיט די לעבעדיקע?״ האָט אירס אַ חברטע עס געהערט און געזאָגט, „אויב דו ווילסט דיך זען מיט דיין שוועסטער, גיי אַהין צו איר און איך וועל שוין טאָן דיין אַרבעט. האָט ליזל מודיע געווען איר שוועסטער דורך אַ גוי, אַז נאָך מיטאָג קומט זי אין וואַלד אַריין.

ליזל האָט זיך אָנגעקליידט אין אירע יום־טובדיקע מלבושים און געגאַנגען אין וואַלד אַריין זיך באַגעגענען מיט איר שוועסטער, וועמען זי האָט נישט געזען די אַלע יאָרן אַחוץ איין טאָג, ווען זי איז געקומען קיין קאַצענאַו זיך צו פאַרדינגען פאַר אַ דינסט ביי נידערמייער אין דער אַכסניה, דעם בן־עיר אירן. ליזל האָט זיך אָפּגעשטעלט אין וואַלד, ווו אין איר יוגנט פלעגט זי זאַמלען יאַגדעס און שוואָמען. די ביימער זענען אַלט געוואָרן, און אַפילו די יונגע ביימער, וואָס זענען געבוירן נאָך איר אַוועקפאָרן קיין אָפּענבאַך, זענען אויך שוין אויסגעוואַקסן. דאָ אין וואַלד פלעגט ליזל גיין שפּאַצירן מיט איר זיגפריד, און דאָ צווישן די גרינע ביימער האָט ער איר אַנטפּלעקט זיין ליבשאַפט. איצט פוילן זיינע ביינער ערגעץ־ווו אין אַ ווייט לאַנד און זי ווייסט נישט ווו זיין קבר איז. אַפילו אירע דריי קינדער זענען ווייט פון איר, און זי איז אַוועק קיין קאַצענאַו האָט זי זיי נישט געזען. דאָ האָט זי קיינעם נישט אַחוץ מאַרגאַריט איר שוועסטער. שפּרייזט ליזל אַהין און אַהער, און ווידער אַ מאָל און בלייבט שטיין, ווי צוגענאָגלט צו דער ערד, און ווייסט נישט פאַרוואָס זי שטייט דאָ און לויפט נישט דער שוועסטער אירער אַנטקעגן. נאָר איר האַרץ לויפט יאָ און גייט זי באַגעגענען. שטעלט ליזל אָן אירע אויערן צו הערן ווער עס קומט. און זי הערט בלויז דאָס קול פון אַ יעגער און דאָס בילן פון הינט. אָבער צווישן קול פון יעגער און דעם קול פון זיינע הינט הערט מען אויך אַנדערע קולות, ווי דאָס קול פון מענטשלעכע פיס. שטעלט ליזל אָן אירע אויגן און זעט קינדער לויפן פאַר זייערע עלטערן. רייסט זי זיך אָפּ פון אָרט און לויפט אַנטקעגן די וואָס קומען אָן, און וווּנדערט זיך, זי האָט דאָך געלאָזט מאַרגאַריט וויסן דורכן גוי, אַז זי האָט זיך פריי געמאַכט פאַר אירעטוועגן אויף צוויי־דריי שעה, און מען זעט נישט און הערט נישט פון מאַרגאַריט. האָט ליזל גענומען וואַרפן בליקן אויף יעדער פרוי און רעדן צו זיך אַליין, אַלע קומען, נאָר נישט מאַרגאַריט. „אוי, מאַרגאַריט, מאַרגאַריט, פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען מיך זען.” און ווען ליזל האָט שוין געהאַט זיך מיאש געווען צו זען איר שוועסטער האָט זי געלייגט די האַנט אויפן האַרץ מחמת צער, לאַ־די וואָס מאַרגאַריט איז נישט געקומען, נאָר אַפילו איר מאַן איז אויך נישט געקומען.

דערווייל האָבן די פרויען באַמערקט ליזל. באַמערקנדיק זי, האָבן די פרויען איר געוויזן אַ פריינדלעך פּנים און געזאָגט: „ביסטו דען נישט עליס? זיכער ביסטו עליס, און וואַרטסט אויף דיין שוועסטער.” האָט ליזל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און גאָרנישט געזאָגט. האָט פרוי דינגעספעלדער, פרוי מיזאַמס שכנטע, געזאָגט, „האָב נישט קיין מורא, עליס, מאַרגאַריט האָט נישט פאַרגעסן אָן דיר, זי איז נאָר נאָך פאַרנומען מיטן זון, אָבער זי וועט באַלד קומען, ווייל דער מאַן האָט זיך אונטערגענומען אַכטונג צו געבן אויפן קראַנקן. און הלוואַי זאָלן מיר אַזוי זוכה זיין צו זען אַלדאָס גוטס ווי דו וועסט זען מאַרגאַריט! וואָס מאַכסטו, עליס? און וואָס איז דיין אַרבעט אין דער אַכסניה? נידערמייער ווייסט גאַנץ גוט, אַז אַזאַ העלפערין ווי דו קען ער נישט געפינען צווישן טויזנט ווייבער. און ווו זענען דיינע קינדער? וויפל האָסטו, דריי? יאָ, מיר האָבן געהערט וואָס עס איז דיר געשען, טייערע. נאָר איז דען היינטיקע צייטן דאָ אַ מענטש, וואָס אַלץ איז ביי אים אָרדענונג? אוי, די ביטערע מלחמה, זי מאַכט נישט קיין אונטערשייד צווישן גוטע מענטשן און שלעכטע. הייב אויף דיינע אויגן, עליס, וואָס זעסטו דאָרטן? זע, זי לויפט דאָך ווי אַ וויעוועריקע, מאַרגאַריט, לויף נישט אַזוי, עליס אַנטלויפט נישט.”

## ז.

און מאַרגאַריט איז טאַקע געקומען, איינגעדאַרט ווי זי איז געווען און דאָס פּנים האָט איר געפלאַמט ווי אַ מיליטערישער אויוון. אין לעבן האָט זי קיין מאָל נישט געוווּסט, אַז עס שטעקט אין איר אַ כוח צו גיין אַ תחום־שבת אין אַזאַ קורצער ווילע. אָבער זענען עס דען אירע פיס געלאָפן? דאָס האַרץ איז דאָך געלאָפן און די פיס האָבן זיך נאָכגע־



שלעפּט נאָכן האַרץ. נאָך אַ נס וואָס דאָס האַרץ איז איר נישט אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט. און ווי די שוועסטערן האָבן דערזען איינע די אַנדערע, זענען זיי זיך געפאַלן אויפן האַלדז און אַרומגענומען איינע די אַנדערע און זיך געקושט מיט אַ געוויין ביז דאָס קול זייערס האָט דערגרייכט פון איין עק וואַלד צום אַנדערן. ווי איז די נשמה זיי אויסגעגאַנגען אַלע יענע טעג וואָס זיי זענען אַזוי נאָענט איינע צו דער אַנדערער און קענען זיך נישט זען אַפילו אויף אַ קליינער ווילע.

נאָך דעם ווי די האָט אָפּגעווישט די טרערן פון דער און די די טרערן פון דער, האָבן זיי געקוקט איינע אויף דער אַנדערער און געזאָגט, „וואָס איז דאָ צו וויינען?” און האָבן ווידער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. צום סוף האָבן זיי זיך אָפּגעשיידט פון דער געזעלשאַפט און געזעצט אַליין און אָנגעהויבן דערציילן איינע דער אַנדערער, איבער שפּייער, וואָס איז געהרגעט געוואָרן און איבער די קינדער וואָס זענען צעשפּרייט צווישן שפּייערס קרובים און איבער מאָריץ מאַרגאַריטס אויסגעבעטענעם זון, וואָס מען האָט אים אָפּגעשניטן ביידע פיס און ר'איז נישט שולט איבער זיין גוף. און נאָך האָט מען גערעדט איבער דער אַרבעט אין דער אַכסניה, און איבער דער אַרבעט ביים אויוון, איבער נידערמייער און איבער מייערס ווייב און די געסט, וואָס יעדער איינער באַטראַכט זיך ווי ער וואָלט געווען דער איינציקער אין דער אַכסניה, און וויפל זי זאָל נישט טאָן פאַר זיינעטוועגן איז נישט גענוג.

נאָך האָבן זיי גערעדט איבער די שפּייזקאַרטן און שטייערן און ווי די רעגירונג וויל אַלץ איינשלינגען. און אַלץ וואָס זיי זאָגן און אַלץ וואָס זיי רעדן זעט ביי זיי אויס ווי דאָס זענען נישט די ווערטער וואָס זיי ווילן זאָגן. דאָך אַנטשפּאַנט זיך דאָס האַרץ אַביסל פון זיין צער. און ווי דאָס האַרץ האָט זיך אַביסל אַנטשפּאַנט, האָבן זיי אָנגעהויבן זיך דערמאָנען לאַנג פאַרגעסענע זאַכן ווען ביידע זענען נאָך געווען יונגע מיידלעך. זאָגט ליזל, „געדענקסט, מאַרגאַריט, ווי קאַצענאַו האָט מיך מקנא געווען וואָס כ'האָב חתונה געהאַט מיט מיין זיגפרידן און בין געגאַנגען וווינען אין אָפּענבאַך. איצט איז יעדע קאַץ ראוי איך זאָל זי מקנא זיין, ווייל אַ קאַץ האָט ווו דעם ווידל אַוועקצולייגן און איך האָב נישט ווו מיך אַהינצוטאָן. וואָס איז איבערגעבליבן פון מיין זיגפריד? אַפילו ווו זיין קבר איז ווייס איך נישט. און די קינדער זענען מיר צעשפּרייט איבער כמה מקומות. און ווען דער סעזאָן וועט זיך ענדיקן, ווו וועל איך אַהינטאָן מיינע ביינער?”

האָט די שוועסטער געוואָלט איר זאָגן אַ פּאָר טרייסט־ווערטער, נאָר ס'איז מער נישט אַרויסגעקומען ווי נאָר צער אויף צער, ווי דער שטייגער איז ביי מענטשן מיט יסורים ווען זיי ווילן עמיצן טרייסטן. מיט וואָס טרייסט מען? מיט אויסדערציילן. וואָס עס איז געשען מיט מיין איינריטע, „איצט וועל איך דיר עפּעס דערציילן, וואָס עס איז געשען מיט מיין איינציקן זון ווייסטו דאָך שוין, אָבער דו ווייסט נישט, אַז מיין מאַן איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן און וואָס מיר פאַרדינען נעמט דער מאַגיסטראַט צו מיט אַ מאָל. און ס'איז נאָך גוט וואָס זיין האַנט שטייט אָפן צו נעמען, ווייל ער איז באַשטימט פון דער רעגירונג און קען נאָך געבן אַ שלעכט אויג אויף דער בעקעריי, מחמת זינט די מלחמה האָט אויסגעבראָכן האָט מען גאָרנישט פאַרראָכטן. עד כאן וואָס שייך געלט, און פון איצט און ווייטער, אַנדערע ענינים. און אויב דו ווילסט הערן — הער. ווי דו קוקסט מיך אָן, אויב דער מלאך־המוות זאָל היינט קומען צו מיר און זאָגן: מאַרגאַריט, קום מיט מיר, וואָלט איך אים אויסגעקושט די פינגער. אָבער ווער וועט זיך אָפּגעבן מיט מיין זון? מיין האַלב־טויטער מאַן? וואָס איז דאָס פאַר אַ קול איך הער אַ גאַנצן טאָג? די יעגער שיסן דעם גאַנצן טאָג לאַנג אָן אַן אויפהער. אוי, די גויים, אויב עס גענוגט זיי נישט צו הרגענען מענטשן, קליגלען זיי זיך צו הרגענען חיות און עופות.”

אַזוי זענען זיך די צוויי שוועסטערן געזעסן צוזאַמען און דערציילט איינע דער אַנדערער וועגן זיך אַליין און וועגן אַנ־

דערע און גאָרנישט געפילט ווי דער טאָג גייט אַוועק. זיי האָבן אָבער געמיינט ווי זייער גוט ס׳איז צו האָבן ימים־טובים, און אַ פרוי קען זיצן מיט איר שוועסטער צוזאַמען און זיך אַראָפּרעדן די צרות פון האַרצן.

די געזעלשאַפט האָט שוין געטראַכט פון אומקערן זיך אין שטעטל אַריין, ווייל ס׳איז געוואָרן שפּעט און ביז מ׳וועט אַהין קומען וועט שוין זיין צייט צו דאַווענען מעריב. נאָך זיצן אַלע אויפן אָרט אין וואַלד, אָבער איינער רופט שוין צום אַנדערן זיך אויפצוהייבן, ווייל די זון גייט אונטער און ס׳איז צייט צו גיין. ווילאַנג איז ווי מ׳פלעגט גיין אַהין און צוריק אין דער קור־שטאָט אַריין און שפּאַצירן אין די גאָרטנס און הערן מוזיק און זען אַ פּנים־חדשות און הערן וויכטיקע נייעס, נישט וויסנדיק אַז מען איז עובר אויף איסור־תּחומים? דאָך מוז מען געדענקען צום גוטן דעם מלמד פון פראַנקפורט, מחמת ער האָט געמאָסטן דעם וועג און זיי מציל געווען פון דער עבירה.

ביסלעכווייז האָבן די קרעפּטיקערע זיך געשטאַרקט און אויפגעהויבן פון זייערע ערטער, אונטעראײַלנדיק די פוילע. צום סוף האָבן די פוילע אויך זיך אויפגעשטעלט צו גיין. מען האָט זיך דערמאָנט אין פרוי מיזאַם, וואָס זיצט מיט איר שוועסטער, און מען איז געגאַנגען זי רופן. ווי ליזל האָט געהערט אַז די שוועסטער אירע דאַרף שוין גיין אַהיים, האָט זי געהאַט עגמת־נפש, מחמת זי האָט אַזוי פיל צו דערציילן דער שוועסטער און האָט איר נאָך אפילו די העלפט נישט דערציילט. פלוצלינג האָט זי זיך דערמאָנט אין איר חברטע, וואָס האָט אויף זיך גענומען צו טאָן איר אַרבעט. האָט זי זיך אַ ריס געגעבן פון אָרט און אויפגעשטאַנען מיט דער שוועסטערס הילף. האָט מאַרגאַריט זיך אויפגעשטעלט און געבליבן שטיין און פאַרשטעלט אירע אויערן מיט די הענט צוליב דעם געשריי פון אַ פאַרוואונדעטן פויגל, וואָס אַ יעגער האָט געפאַנגען. צום סוף האָט זי אַוועקגענומען די הענט פון די אויערן און אַ מאַך געטאָן ווי פון יאוש. צום סוף האָט זי אַ בליק געטאָן אויף דער אַנדערער און געזאָגט, „ס׳איז צייט צו גיין אַהיים.“

זענען די צוויי שוועסטערן געשטאַנען אין אַ געוויין און זיך געפאַלן איינע דער אַנדערער אויפן האַלדז און נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט פאַרן מויל. צום סוף האָט איינע גובר געווען איר וויי־טאָג און געזאָגט, „דער יום־טוב גייט שוין אַוועק.“ האָט די אַנדערע געזאָגט, „און ווען וועל איך דיך ווידער זען? איך בין דאָך פאַרשקלאַפט צו פרעמדע מענטשן און בין נישט פריי צו גיין און קומען.“ האָט איר שוועסטער געזאָגט, „און איך, אפילו ווען איך גיי אַרויס פון הויז איז עס נאָר מיר צו צעברעכן די פיס ביים באַצאָלן די שטייערן און ביי די אַנדערע זאַכן, וואָס זענען אונדז מקצר די יאָרן.“ האָט ליזל געזאָגט, „און ווען וועל איך דיך זען?“ האָבןביידע אָפּגעקערט דאָס פּנים איינע פון דער אַנדערער און זיך אויסגעווישט די אויגן.

דער טאָג האָט זיך גענייגט און די גאַנצע עדה האָט גענומען גיין. און נאָך זענען די שוועסטערן געשטאַנען שטיל. צום סוף איז די אַוועק אויף איר אָרט און די אויף איר אָרט, און צווישן דער און דער האָט דער וואַלד גענומען דעמערן צווישן זיינע ביימער ביז די שטערן האָבן אָנגעהויבן אַרויסקומען און באַלויכטן דעם וועג פאַר ביידע שוועסטער, וואָס האָבן זיך באַגעגנט אויף אַ קליינער ווײַלע דעם צווייטן טאָג יום־טוב — יום־טוב שני של גליות — אַוועקגעגאַנגען איינע פון דער אַנדערער אויף אַ סך טעג ביזן נאָענטסטן יום־טוב, די גייענדיק אַהין און די גייענדיק אַהער.



ז. בונין

# די גאָלדענע פּאַווע

## דעם אָנדענק פון איציק מאַנגער ע״ה

איז געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
איבערן ים, און ימיקן ברעג.
האָט ווער געהערט, געזען דעם זינגער,
דעם זינגער פון „נעכטיקע טעג“.
האָט זי פון פון קיינעם קיין ענטפער באַקומען,
אָן האָט זיך איבערן לאַנד פאַרנומען.

איז געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע,
זעט זי אַ יעגער מיט הינט אין געיעג,
פרעגט זי דעם יעגער: האָט ער געזען,
באַגעגנט דעם זינגער פון „נעכטיקע טעג“?
גיט ער אַ בלאָז אין זיין זילבערנעם האָרן,
און ווערט אין די גאָלדענע זאַנגען פאַרלוירן.

איז געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע,
זעט זי אַ פויער אים קומען אַנטקעגן.
האָסטו אפשר געזען, באַגעגנט
דעם זינגער פון „נעכטיקע טעג“ אויף די וועגן ?
גיט דער פויער אַ וויש זיך דעם שטערן,
איך האָב אים געזען צו דער קרעטשמע פאַרקערן.

איז די גאָלדענע פּאַווע צו דער קרעטשמע געפלויגן,
איז ווי אויף אַ בית־עולם דאָרט רואיק און שטיל.
זעט זי שיכורים צוויי טרינקען,
וויין „פון איין פלאַש אויפן דיל.“
גיט די גאָלדענע פּאַווע
ביי איינעם פון זיין אַ פרעג :
איז דאָ געווען דער טרובאַדור
פון „די נעכטיקע טעג“?

ענטפערט אים דער שיכור:
(קוים אים צו פאַרשטיין)
ער האָט „אָנגעטאָן דעם קאַפּעליוש
און געלאָזט זיך גיין“
אין דער טיפער, שפּעטער נאַכט,
„איינינקער אַליין“.
רופט זיך אָפּ דער צווייטער,

יוסף לעפּטוויטש / לאָנדאָן

# עפּיזאָדן אינעם לעבן פון איציק מאַנגער

איציק מאַנגער האָט אין לאָנדאָן געלעבט מער ווי צען יאָר, איז געוואָרן אַן ענגלישער בירגער, און איז געפאָרן קיין אַמעריקע מיט אַן ענגלישן פּאַס. כאָטש ער האָט דאָ געהאַט עטלעכע זייער נאָענטע און ליבע פריינד, האָט ער זיך געפילט ווי מ'וואָלט אים געהאַלטן אין אַ טורמע, ווייט פון דעם ברויזנדיקן יידישן פאָלקס־לעבן וואָס איז געווען אַרום אים אין מזרח־אייראָפּע. די סביבה איז געווען צו קליין. ער האָט דאָ געשאַפן וווּנדערלעכע לידער, געדרוקט זיי אין ביכער. אָבער, אַזוי האָט ער מיר געזאָגט אין דער ווידמונג פון דעם באַנד: „דער שניידער־געזעלן נטע מאַנגער זינגט.“

---

(און קערט קוים מיטן צונג:)
איך האָב געזען אים אַוועקגיין,
מיט אַ ציגיינער־יונג,

פליט די גאָלדענע פּאַווע,
נידריק צו דער ערד,
זעט זי אַ ציגיינער
אויף אַ שוואַרצן פערד.
איז זיין פּנים פינצטערער
פון דער שוואַרצער ערד.

וואָס־זשע טרויערסטו אַזוי ?
גיט די פּאַווע אים אַ פרעג.
— עס האָט געבעטן מיך דער זינגער
פון „די נעכטיקע טעג,“
איך זאָל „שפּילן אים אַ ליד,
שפּילן און ניט ווערן מיד.“
ווי־זשע קאָן איך שפּילן
אין דער שווערער שעה,
אַז אַליין דער זינגער
איז שוין מער ניטאָ ?
אַזעלכע ווי ער איז געווען —
ניט געווען קיין סך !
וויינט מיין האַרץ אין מיר נאָך אים,
ווי ס'וויינען די „שטערן אויפן דאַך.“

ער האָט זיי „געשריבן אין גאַנצן אין לאָנדאָן אין ספּייט דער שלעכטער יידישער סביבה.“ „אין ספּייט“ הייסט, „קעמפנדיק קעגן דער שלעכטער סביבה.“

ס'איז געווען אין די יאָרן פון מלחמה, און מאַנגער האָט געוווּסט וואָס היטלער האָט געמאַכט פון דעם גרויסן יידישן פאָלקס־לעבן אין מזרח־אייראָפּע. אין אויגוסט, 1945, ווען דער קריג האָט זיך גראַד געענדיקט, האָט מאַנגער פאַרבעטן פריינד צו טרעפן זיך מיט זאָמערשטיינס דעלעגאַציע פונעם באַפרייטן פוילן. און אין דער איינלאַדונג האָט ער געשריבן: „דער פּרעזידיום וועט באַשטיין פון די שאָטנס פון שמואל זיגלבוים, עמנואל רינגלבלום און נטע מאַנגער.“ דעמאָלט האָט ער געוווּסט וועגן דעם חורבן נאָר פון הערן און לייענען. אָבער אין אַפּריל 1948 האָט ער עס געזען, ווען ער איז געפאָרן קיין וואַרשע צו פאַרטרעטן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּע"ן ביי דעם אויפדעקן פון דעם מאָנומענט אין געטאָ. ביי מיר ליגט דער בריוו פון פּע"ן־סעקרעטאַר אולד, אַז לויט מיין פאָרשלאָג בעט דער אינטערנאַציאָנאַלער פּע"ן, אַז מאַנגער זאָל דאָרט אויסדריקן דעם צער און דעם מיטגעפיל פון די שרייבערס פון דער וועלט צוליב דער שרעקלעכער טראַגעדיע פון געטאָ, וווּ אַזוי פיל יידישע שרייבערס זיינען אויסגעקוילעט געוואָרן.“

ער האָט אונדז אין לאָנדאָן געוואָלט דערציילן וועגן דעם אַלעם וואָס ער האָט געזען אין וואַרשע, און וועגן דעם וואָס ס'איז שוין מער נישט געווען צו זען דאָס פאַרשווּנדענע גרויסע יידישע לעבן אין פוילן. איך בין, אויף זיין פאַרלאַנג, געווען דער פאָרזיצער ביי דעם אָוונט ווו ער האָט אונדז דערציילט וועגן דעם חורבן. ער האָט געזען, האָט ער געזאָגט, „נאָר אַש אוןביינער. די אַש פון מיליאָנען יידן קריכט אין מויל אַריין.“ ער איז געווען אויף קבר־אבות פון זיין יידיש פאָלק.



ער האָט זיך געטראָפן מיט די ווייניקע יידן וואָס זיינען געבליבן לעבן אין פוילן נאָכן חורבן און מיט די וואָס זיינען צוריקגעקומען פון זייערע וואַנדערונגען אין ראַטן־פאַרבאַנד. אפרים קאַגאַנאָווסקי האָט אים אָפּגעוואַרט אויפן וואַרשעווער פלי־פעלד. ער האָט אונדז דערציילט אַ מעשה וואָס קאַגאַנאָווסקי האָט אים דעמאָלט איבערגעגעבן. קאַגאַנאָווסקי איז נאָך דער באַפרייונג געפאָרן מיט אַ גרופּע יידישע שרייבער פון וואַרשע קיין לאָדזש. פּוילישע פּאָגראָמשטשיקעס האָבן נאָך געבושעוועט. ס'איז געווען געפערלעך צו פאָרן מיטן באַן. מ'האָט מורא געהאַט אַז ווען דער צוג שטעלט זיך אָפּ אויף אַ פּאָר מינוט אין אַ קליינער סטאַנציע קענען זיך אַריינרייסן באַוואָפנטע באַנדעס. אַן עלטערע פּוילישע פרוי, וואָס איז געזעסן אין וואַגאָן און האָט באַמערקט ווי די יידן זיינען נערוועז, האָט זי געזאָגט: וואָס האָט איר מורא? איר זענט צווישן מענטשן. און די עלטערע פּוילישע פרוי האָט דערציילט, אַז ניט לאַנג צוריק האָט זי געלייענט אַ יידיש ליד „אויפן וועג שטייט אַ בוים“, אין דער פּוילישער איבערזעצונג פון אַנטאָני סלאָנימסקי. ס'פאַרשטייט זיך אַז די מעשה האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף מאַנגערן. „מיין ליד! אין סלאָנימסקיס פיינער פּוילישער איבערזעצונג פון מיין ליד.“

קאַגאַנאָווסקי האָט ווייטער דערציילט: אין וואַגאָן איז אויך געזעסן אַ יונגע טיפּישע פּוילישע פרוי, טיפּיש „אַריש“. זי איז געזעסן אומבאַוועגלעך און קאַלט. אַז דער צוג איז אָנגעקומען בשלום אין לאָדזש האָט די בלאָנדע פּוילישע שיקסע פאַרטרויט פאַר קאַגאַנאָווסקין און זיינע חברים, אַז זי איז אויך א יידישע; אַז א דאַנק איר אַרישן אויסזען און פּוילישע אַרישע פּאַפּירן איז זי געבליבן לעבן. נאָך דער מלחמה האָט זי באַשלאָסן צו בלייבן אַ פּוילישע אַריערין. זי האָט געמיינט אַז נאָכן חורבן זיינען שוין מער קיין יידן ניט געבליבן און דאָ אין באַן האָט זי געהערט רעדן יידיש, געהערט וועגן אַ יידיש ליד. און זי האָט באַשלאָסן זיך אויסצוגעבן ווי אַ יידישע. ווידער „מיין ליד“!

אַ צווייטע מעשה האָט מאַנגערן דעמאָלט אין וואַרשע דערציילט מאַרק עדעלמאַן, דער קאָמאַנדאַנט פונעם בערשטערגעביט אין וואַרשעווער אויפשטאַנד. דער וואַרשעווער געטאָ האָט געקעמפט און געגוסט. טויזנטער יידן זיינען אומגעקומען. פאַר די לעצטע, וואָס זיינען געבליבן, איז געווען איין אויסוועג: אַרויס פון די בונקערס, צו די קאַנאַלן און דורך די קאַנאַלן צו דער פּוילישער זייט. און דעמאָלט האָט אַ מיידל, וואָס איז געווען אין אונדזער גרופּע, דעקלאַמירט אייער, מאַנגערס ליד:

אויפן וועג שטייט אַ בוים,
שטייט ער איינגעבויגן.
אַלע פייגל פונעם בוים
זיינען זיך צעפלויגן.

זי האָט עס קוים געשעפּטשעט, אָבער אַלע האָבן געהערט. בישט אַלע פון דער גרופּע זיינען דערגאַנגען. דאָס מיידל איז געפאַלן די ערשטע.“ „טראַכט איך,“ האָט מאַנגער צוגעגעבן, "וועגן דעם גורל פון מיין ליד.“

די מעשה האָט אים שטאַרק גערירט, און ער האָט עס פאַרשריבן אין זיין עסיי „דער גורל פון אַ ליד.“ אינטערעסאַנט איז היינט וואָס מאַנגער האָט דעמאָלט דערציילט וועגן די אויסזיכטן פון אַ ווייטערדיקן יידישן לעבן אין פוילן. די פּוילישע רעגירונג פון באַלד נאָך דער באַפרייונג, האָט ער געזאָגט, באַמיט זיך ניט צו דערלאָזן צו קיין אַגרעסיוון אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד. אָבער דאָס פּוילישע פאָלק איז פאַרסמט מיט אַנטיסעמיטיזם דורך און דורך. עס קען ניט אָנהאַלטן קיין אמתדיק יידיש לעבן ביי אַזאַ צושטאַנד.

מאַנגער האָט אין לאָנדאָן, ניט קוקנדיק אויף די שלעכטע באַדינגונגען אין וועלכע ער האָט געלעבט, געשריבן גאָר אַ סך — לידער, עסייען, דערציילונגען. יואל צאַנג, וועלכער האָט דאַן אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן אַ וואָכנבלאַט אויף יידיש און ענגליש און האָט מאַנגערן געדרוקט אין אָריגינאַל און אין ענגלישער איבערזעצונג, האָט אפילו געטענהט אין אַן אַרטיקל אין „דזשואיש קראָניקל“, ווען מאַנגער איז שוין געווען אין אַמעריקע, ווען ס'איז דאָרט אַרויס זיין גרויס בוך „ליד און

באַלאַדע," אַז זיינע לאָנדאָנער יאָרן זיינען געווען זיינע רייפסטע און שעפערישסטע יאָרן. „אין ענגלאַנד איז ער דערוואַקסן צו זיין אמתער גרויס." אגב, האָט צאַנג געדרוקט אין זיין בלאַט, ווען שמואל זיגלבוים איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין לאָנדאָן, אַלס אַ פּראָטעסט קעגן דער גלייכגילטיקייט פון דער וועלט בעת מען קוילעט אויס די יידן אין פּוילן, דאָס ליד וואָס מאַנגער האָט דאַן געשריבן: „מיין שנאה־ליד," וואָס איז שפּעטער אַריין אין זיינע ביכער. צאַנג האָט אויך געדרוקט דאָס ליד וואָס מאַנגער האָט געשריבן צו דין סוויפט, און דאָס ליד וואָס ער האָט געשריבן ביי בייראָנס קבר אין לאָנדאָן — סיי אין מאַנגערס יידיש, סיי אין מיין ענגלישער איבערזעצונג. ביי מיר געפינט זיך מאַנגערס בריוו, ווו ער שרייבט מיר: „איך שיק אייך דאָס ליד וועגן דין אָף סען־פּאַטריק און איציק מאַנגער. פּרוווט עס איבערזעצן. און גאָט זאָל אייך העלפן ס'זאָל געלינגען."

אין די צען יאָר וואָס מאַנגער האָט געלעבט אין ענגלאַנד, האָט ער זיך גוט באַקענט מיט דער ענגלישער פּאָעזיע און ער האָט זיך גענומען איבערזעצן ענגלישע לידער אויף יידיש. ער האָט אַמאָל געטראַכט צונויפצושטעלן אַן אַנטאָלאָגיע פון דער ענגלישער דיכטונג אויף יידיש, און אַ נאָמען האָט ער עס געגעבן: „פון העריק ביז בערנס." אינטערעסאַנט דער אָפּקלייב — העריק און בערנס, די זינגענדיקסטע ענגלישע פּאָעטן, און בערנס דער פאָלקסטימלעכסטער, דער נאָענטסטער ענגלישער פּאָעט צום פאָלקסליד — אַזוי ווי ער, מאַנגער, אויף יידיש. איך האָב געשריבן אין אַ לענגערן עסיי וועגן מאַנגערן אין ניו־יאָרקער „מנורה־זשורנאַל", אַז ניט האָבנדיק אין ענגלאַנד קיין יידיש־פאָלקסלעבן האָט זיך מאַנגער אָנגעהויבן אַריינלעבן אין ענגלישן פאָלקסלעבן. ער האָט ליב געקראָגן דאָס ענגלישע פּראָסטע פאָלק, און אַזוי ווי אַ מאָל אין די יידישע שענקען האָט ער זיך גענומען זיצן אין די ענגלישע „פּובס". אָבער קיין זאַך האָט ניט געקענט צונעמען פון מאַנגערן זיין טיף־פאַרוואָרצלטע יידישע פאָלקסטימלעכקייט.

איך האָב מאַנגערן אַ מאָל פאָרגעלייגט צו שרייבן וועגן יידישע ימים־טובים פאַר אַ יידיש־ענגליש בלאַט אין דרום־אַפריקע ווו איך בין געווען אַ מיטאַרבעטער. האָט ער אָנגעשריבן אַ פּרעכטיק שיינעם עסיי. „מיין פריינד לעפּטוויטש זאָגט מיר: 'שרייב עפּעס אָן פאַרן ראש־השנה נומער פון דער דרום־אַפריקאַנישער צייטונג! וואָס אַ שטייגער? נו, וועגן ראש השנה... וועגן יום־טוב... וועגן יידישע ימים־טובים? מיין פריינד ווייסט אַז איך בין נישט קיין טעאָלאָג. טאָ וואָס דען קען איך אָנשרייבן פאַר אים? עפּעס וועגן דער פּאָעזיע פון די יידישע ימים־טובים'."

און ריידנדיק וועגן ימים־טובים, קומט מיר אויפן געדאַנק אַז מאַנגער האָט ליב געהאַט פּראַוועט ימים־טובים, אייגענע, פּערזענלעכע ימים־טובים. ער פלעגט יעדער יאָר פייערן זיין געבוירנטאָג, פאַרבעטן עטלעכע געציילטע געסט, טרינקען — ניט קיין סך, ריידן — גאָר אַ סך, און די איינלאַדונגען זיינען דווקא געקומען געטייפּירט אויף ענגליש. למשל: „אין אַ שטימונג פון מאַקאַברישן הומאָר, האָב איך באַשלאָסן פייערן מיין 45טן געבוירנטאָג אין האָטעל עספּלאַנאַד, וואָרינגטאָן קרעסענט, דינסטאג דעם 28טן מאַי, 1946. איר זענט האַרציק געבעטן זיך צו באַטייליקן." און ווידער — אויך אין ענגליש — אין דער יידישער איבערזעצונג: „איך פריי מיך איינצולאַדן אייך צו אַ טיי דעם 1טן יוני, 1946, צו פייערן דאָס דרוקן מיין פּיעסע, און אויך מיין 46טן געבוירנטאָג." דאָס הייסט, צוויי מאָל, איין וואָך נאָך דער צווייטער.

אין 1952, ווען ער האָט שוין געוווינט אין ניויאָרק, האָט ער מיר געשריבן, אַז ער גייט פייערן זיין 51טן געבוירנטאָג. „וויפל מאָל אין לעבן ווערט מען עס אַלט 51 יאָר? מיין זיידע, ר' אברהם מאַנגער, איז געשטאָרבן ביי 54 יאָר. מיין עלטער־זיידע, ר' שמעון מאַנגער, איז געשטאָרבן ביי 54 יאָר. מיין טאַטע איז דערמאָרדעט געוואָרן ביי 62 יאָר, אין טראַנסדניסטריע. מיין 51טער געבוירנטאָג איז אַ פּריוואַטער ענין. אַ פּאָר נאָענטע מענטשן, איך וואָלט געוואָלט איר זאָלט זיין דער־



ביי. איך וועל זייער באַדויערן אויב איך וועט נישט זיין דערביי." עס האָט זיך גראַד געמאַכט אַז איך בין טאַקע אין דער צייט געקומען קיין ניו־יאָרק, און איך בין יאָ געווען דערביי.

ווען איך בין געוואָרן אַ זיבעציקער אין 1962, מיט צען יאָר שפּעטער, האָט מיר מאַנגער געשריבן פון אַמעריקע: „ס'איז אַביסל שווער שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק אַז איר זענט טאַקע שוין אַ זיבעציקער, אָבער אַז איך קוק אַריין אין שפּיגל און זע מיין אייגן פּנים, ווייס איך אַז ס'איז אַזוי. ווייל אָט ווער איך שוין אין 1963 צוויי און זעכציק. און ווי ווייט איז עס צו אייער עלטער? אַ קלייניקייט. טאָ נעמט צו די זיבעציק ווי אַ געשאַנק פון זיין ליבן נאָמען, און לאָמיר האָפן אַז איר וועט ווייטער אָנגיין גרינג מיט די ווייטערדיקע יאָרן."

איך בלעטער דורך מיינע מאַנגער פּאַפּירן, און ס'קומט מיר אין האַנט אַ נומער פון לאָנדאָנער ענגליש־יידישן „דזשואיש סטאַנדאַרד", מיט אַ באַריכט וועגן אַ מסיבה אין לאָנדאָן אין 1944 צו פייערן מאַנגערס 43טן געבוירנטאָג. שטייט דאָרט אין דעם באַריכט אַז איך האָב געפירט דעם פאָרזיץ, און צווישן די וואָס זיינען דאָרט געווען זיינען דערמאָנט א. מ. פוקס — דעמאָלט אַ לאָנדאָנער תושב, ד"ר איגנאַציע שוואַרצבאָרט, עמנואל אָלשוואַנגער, ד"ר שערער און בן־ציון מרגליות. דער אמתער פאָרזיצער אָבער איז שטענדיק געווען ניט איך, נאָר מאַנגער אַליין. ער האָט געפירט דעם טיש, ווי אַ חסידישער רבי — דערציילט מעשיות, געהאַלטן אַ דרשה, געלייענט אַ ליד. ער איז געווען אַ וווּנדערלעכער באַצויבערנדיקער רעדנער.

ער האָט, אגב, געהאַט אַ באַציונג צום חסידיזם, און פאַר דער האגער דינאַסטיע האָט ער געהאַט גרויס ליבשאַפט. ווען רבי שלום האָגער איז געשטאָרבן אין לאָנדאָן, האָט מאַנגער מיר געשריבן — און ווידער דורכויס אין ענגליש: „מ'האָט אים דערוייל געבראַכט צו קבורה אויפן ענפילדער בית־עולם אין לאָנדאָן, נאָר זיינע קינדער פּלאַנירן אים איבערצופירן לויט זיין לעצטן ווונטש, קיין ישראל. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1875, אין קאָלאָמעאַ, דער לעצטער פאָרשטייער פון אַ גרויסער חסידישער ליניע. זיין זיידע איז געווען דער באַרימטער רבי משה לייב סאָסאָווער, איינער פון די אוהבי ישראל. זיין געשטאַלט הייבט זיך הויך אין דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור. פּרץ, יהודה שטיינבערג, בערדיטשעווסקי, מאַנגער און אַנדערע האָבן געשריבן איבער אים. דער גרויסער יידישער דיכטער משה לייב האַלפּערן, ווי אַלע קינדער זכרים פון יענעם טייל גאַליציע, האָבן געטראָגן זיין נאָמען. מיט זיין טויט ווערט צעבראָכן אַ רינג אין אַ גרויסער קייט פון דער פאַרגאַנגענהייט. ער איז געווען דער לעצטער עדות פון אַ וואָר וואָס איז געוואָרן נאָר אַ לעגענדע, אָבער אַ לעגענדע וואָס מיר וועלן ליב האָבן, און אַריבערטראָגן מיט זיך אין דער צוקונפט."

צווישן די ביכער וואָס מאַנגער האָט געלאָזט דרוקן אין לאָנדאָן איז געווען זיין „האָצמאַך שפּיל," וואָס איז אויך אויפגעפירט געוואָרן אין לאָנדאָן אונטער דער רעזשי פון יעקב ראָטבוים, אונטער דעם נאָמען „אַ גאָלדפאַדן חלום."

מאַנגער האָט זיך צוערשט געפרייט דערמיט. ער האָט געשריבן אַ ספּעציעלן עסיי פאַרן יידישן טעאַטער וואָס איז דעמאָלט געווען אין לאָנדאָן — אין 1947, ווו ער האָט דערציילט ווי ער האָט אָנגעשריבן די פּיעסע מיט צוואַנציק יאָר פריער, אין 1927, אין יאַסי, „די קרוינשטאָט פון יידישן טעאַטער." אָנגעשריבן עס, האָב איך דערפילט אַז איך האָב עפּעס צו זאָגן דעם יידישן טעאַטער. איך האָב נאָר געוואַרט אויף דעם רוף."

עס האָט ניט לאַנג געדויערט, און מאַנגער האָט זיך שטאַרק צעקריגט מיט דעם רעזשיסער, מיט ראָטבוים, ווייל יענער האָט אויפגעפירט אַ זאַך וואָס מאַנגער האָט געזאָגט עס איז ניט דאָס וואָס ער האָט געמיינט. ער האָט אויך באַשולדיקט ראָטבוימען אַז ער זאָגט אַז די פּיעסע איז זיינס און ער דערמאָנט ניט מאַנגערס נאָמען. מיט צען יאָר שפּעטער, אין 1957, האָט מיר מאַנגער געשריבן פון אַמעריקע: „דאָס יידישע טעאַטער

דאָראַ פיינס מייזל / מיאַמי ביטש, פלאָרידאַ

# ביי די ברעגן פון פּאַציפישן אָקעאַן

אָפּט מאָל, באַזוכנדיק די פּאַליסיידס, אַ פּאַרק אויף אַ באַרג, אין סאַנטאַ מאָניקאַ, קאַליפאָרניע, וואָס קוקט אַראָפּ צום פּאַציפישן אָקעאַן, פלעג איך פאַר זיך טראַכטן, אַז דער אָקעאַן טראָגט אַ פאַלשן נאָמען: פּאַציפיש, שטילער. עס פּינעט פון בייזקייט און שטורעמט כסדר און זיין קאָליר איז אַזאַ גרויער און, ס׳איז ניטאָ קיין צויבער...

פאָרן מיר אָפּ הונדערט מייל, אַ שטעטל סאַנטאַ באַרבאַראַ, ליגט איינגעהילט אין גרינקייט אויך ביים ברעג פון דעם זעלבן אָקעאַן, און דער אויסשפּרייט פון וואַסער נעמט שוין אָן אַן אַנדער אויסזען. דאָס וואַסער קומט צו נאָענט צו די הייזער און גיט ווי אַ לייכטן גלעט ביי די פיס. דער רייכער האָטעל בילטמאָר, מיט זיין גלעזערנע פּאַטיאָ, אַרומגערינגלט מיט בלומען און פּאַלמעס, שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם ים, און דער ים איז שטיל און רואיק — טאַקע פּאַציפיש.

מיר פאָרן ווייטער און מיין אויג פאָלגט נאָך דעם ים. מיר פאָרן פאַרביי אַ שטעטל מיט נאָך אַ הייליקן נאָמען: סאַן לואיס אביספּאָ. פאַר מיר איז בלויז וויכטיק ווי אַזוי קוקט דאָ אויס דער ים. ווידער

---

פון פוילן, לייען איך, שפּילט שוין אין לאָנדאָן. זיי פאָרן אַרום מיט מיין גע־גנבעטער פּיעסע ׳אַ גאָלדפאַדן חלום.׳ אָ—דער באַרימטער קאָמוניסטישער גנב יעקב ראָטבוים! ער האָט דאָך עס אויפגעפירט פאַר מיינע אויגן אין לאָנדאָן. דערקלערט פאַרן עולם אַז ס׳איז מיין פּיעסע. דערנאָך אין אַן אינטערוויו אין ׳דעילי העראָלד׳ געזאָגט אַז ס׳איז זיינס. סלאָנימסקי ווייסט וועגן דער גנבה. ער האָט נישט איין מאָל פּראָטעסטירט נאָך פון לאָנדאָן. אויב זיי וועלן עס פּרוּוון אויפפירן איצט, בעט איך אייך, פּראָטעסטירט אין מיין נאָמען.״

דער ברוגז צווישן מאַנגער און דאָטבוים איז געבליבן ביזן סוף. מאַנגער איז געווען שטאַרק פאַרביטערט איבער דעם. פאַרביטערט אויך דערפאַר, ווייל ער האָט געהאָפט אַז נאָך דער אויפפירונג וועט זיין פאַר אים אַ מעגלעכקייט צו שרייבן נאָך פּיעסן פאַרן טעאַטער. אין זיין עסיי פאַר דער אויפפירונג האָט ער אָנגעדייטעט: „די אַלטע מייסטערס פון אַ מאָל דאַרפן ווערן אויפגעלעבט, מאָדערניזירט. אָט אַ שטייגער, ווו איז אַזאַ מוזיקאַלישע קאָמעדיע אויף דער טעמע: ׳די בראָדער זינגערס׳. דער מאָטיוו בעט זיך דאָך ממש צו ווערן באַאַרבעט פאַר דער יידישער בינע.״

„נאָר ווו“, האָט ער שפּעטער צוגעגעבן אין זיין הקדמה צו דער געדרוקטער פּיעסע, „ווו איז דאָס יידישע טעאַטער? ווו? פאַרהאַנג!“

מיר האָבן געהאַט אַ צווייטן דורכפאַל מיט דער זעלביקער פּיעסע. אין יענער צייט האָט אַ יידישער טעאַטער־מענטש, וואָס איז איצט זייער באַקאַנט אין דער טעאַטער־וועלט אין ענגלאַנד, אָסקאַר לעווינשטיין, אויפגעפירט אין לאָנדאָן, אויף ענגליש: „די וואָרלד אָוו שלום עליכם“, אַ צוזאַמענמיש פון עטלעכע שלום עליכמס דערציילונגען און אַ פּאָר פּרץ־מעשיות, ווי „באָנטשע שוויַיג“ און „די דריי מתנות.“ האָב איך אים פאָרגעלייגט מאַנגערס „האָצמאַך שפּיל“, און ס׳האָט אים פאַראינטערעסירט. ער האָט זיך באַקענט מיט מאַנגערן, און זיי האָבן פאַרבראַכט אַ סך צייט צוזאַמען. ער האָט ביי מיר באַשטעלט אַן ענגלישע איבערזעצונג אָבער ס׳זיינען אים דאַן געקומען גרעסערע געשעפטן, און ער האָט מאַנגערס „האָצמאַך שפּיל“ נישט אויפגעפירט. איך טראַכט היינט, צי וואָלט עס דעמאָלט נישט געהאַט אפשר אַ דערפאָלג ווי מאַנגערס „מגילה“ האָט איצט, מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין ישראל און ניו־יאָרק.

(סוף קומט)



אַנדערש. דער קאָליר איז געביטן און ס׳שלאָגן זיך אָן כוואַליעס אין אַ גרויסן באַרג וואָס שטייט ווי אַ וואַנט צו שטערן דעם נאַטירלעכן שטראָם. דער רויש פון די כוואַליעס, און זייער אומדערמידלעכער אָנשטויס אויפן באַרג, פאַרכאַפּט מיין פאַנטאַזיע...

מיר פאָרן ווייטער און דערנענטערן זיך צו אַ פישער־שטעטל, קאַיוקאָס. די פישערס דאָרטן באַזאָרגן די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך מיט פיש. דערוויסן מיר זיך דאָ, אַז צוליב כאַפּן די זייער געשמאַקע פיש אַבאַלאָנאַ, שטעלן די פישער איין זייער לעבן בעת זיי לאָזן זיך אַראָפּ אין ים נאָך זיי. עס פאַרגייט דער אַפּעטיט נאָך פיש...

און אָט זיינען מיר שוין אין קעמבריא, פונקט האַלב וועג צווישן לאָס אַנגעלעס און סאַן פראַנציסקאָ. עס שטייט זיך אַ שטעטל פון 100 איינוווינער אַרומגערינגלט מיט אַ סאָסנאָוון וואַלד און וווּנדערלעכע בערג, אָבער עפּעס קלעמט מאָדנע דאָס האַרץ, אַזאַ אומעט, אַזאַ אָרעמקייט הערשט דאָ...

מיר פאָרן אַרויף אַ באַרג וואָס איז באַדעקט מיט אַ סאָסנאָוון וואַלד. פון איין זייט אַ פעלד מיט סנאָפּעס צוזאַמענגעבונדענע, פון דער צווייטער זייט אַ הויז איינגעטונקען אין אַ ים פון בלומען, און דו דענקסט אַז דאָס איז אַ באָטאַנישער גאָרטן. גיסט אַ קוק אויף דער אויפשריפט: קעמבריא פיינס לאַדזש, דער אָפּרו־אָרט צו וועלכן מיר זיינען געפאָרן.

דאָ דערזע איך נאָך אַ שילדל: אָושען פיינס. אַ מאָדנער נאָמען: אַ סאָסנאָוון ים האָבן מיר נאָך קיין מאָל נישט געזען... פאָרן מיר אַ קוק צו טאָן אויף דעם ים דאָ. מיר פאָרן צוויי מייל מיט אַ געדיכטן, סאָסנאָוון וואַלד און ווידער אַ פעלד וואָס פירט גלייך צום וואַסער צו. דער ים — אַ צאַרטער, אַ בלויער, קושט די שטיינער וואָס זיינען גערונצלט ווי ביי אַן עלטערן, דורכגעלעבטן מענטשן דאָס פנים, ניט איין וואַסער האָט זיך אָן זיי אָנגעשלאָגן.

מיר געפינען זיך עטלעכע טעג אין דעם צויבערפּלאַץ, און אָט זיינען מיר אויפן וועג קיין קאַרמעל, באַוואוסט אין קאַליפאָרניע אַלס דאָס ליבלינג־פּלאַץ פאַר טוריסטן פון דער גאַנצער וועלט. מיר פאָרן מיט בערג און מיט טאָל, ניט פאַרלירנדיק אויף קיין איין מינוט דעם ים. יעדע פאָר מייל בייטן זיך די פּאַנאָראַמעס. די מענטשלעכע פאַנטאַזיע קען אַזוינס אפילו ניט פאָרשטעלן זיך. סקאַלעס אויפן ים, וואָס זעען אויס ווי שיפן. אויף איינער פון די סקאַלעס שטייט אַ מאַיאַק און פינטלט צו ווייטע שיפן אויפן ים, און וויַיזט זיי דעם וועג.

ס׳איז נאָך גאַנץ פרי און מיר דרייען זיך איבער הויכע בערג אַלץ העכער און העכער. די שפּיצן פון די בערג זיינען באַדעקט מיט אַ נעפּל, וואָס דערמאָנט אין אַ כלה מיט אַ דורכזיכטיקן שלייער, וואָס אָט וועט זי באַלד אַנטפּלעקן איר שיינעם, ליכטיקן פּנים. האָט די זון זיך באַלד טאַקע באַפרייט פון דעם שלייער, זיך צעשמייכלט, צעשפּילט זיך מיט גינגאָלד און זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם קרישטאָלזויבערן ים. זומער־פייגעלעך שימערירן פאַר די אויגן און פרייען זיך מיטן טאָג.

אין דער שטילקייט דערטראָגט זיך בלויז דער רויש פון די ים־כוואַליעס. מיר זיינען כמעט די איינציקע אויף דעם ריזיקאַליש איינגעשטעלטן וועג. (פאַראַן אַן אַנדער וועג). קיין סימן פון קיין ישוב, און וווּנדער איבער וווּנדער און פלוצלונג — אַ „שאַנגרילאַ“ אין די בערג וואָס הייסט: „דיטזשעַנס ביג סוירף אין“... געבויט אויף דעם אייראָפּעאישן שטייגער. די אייגנטימער — ער אַ נאָרוועגיער, זי אַ האָלענדישע. טוריסטן מיט קאַמעראַס פאָטאָגראַפירן דאָס אויסטערליש אָרט.

אָט דערנענטערן מיר זיך צו אַ גאָר באַרימטן פּלאַץ וואָס הייסט: סאַן סימאָן. איין קראָם, אַ פּאָר הייזער און אַ פּאָסטאָפיס איז פאַראַן. ווונדערסטו זיך: צוליב וואָס?... עס איז פּרעכטיק שיין. די בערג זיינען שוין אין גאַנצן אַנדערע, זיי דערמאָנען אין מולטערס צעקנאָטענע טייג וואָס יוירט אַריבער. אָט גרינט אַ באַרג, דער העכסטער פון אַלע. אויף דעם שפּיץ פון דעם באַרג שטייט דער באַרימטער הוירסט פּאַלאַץ, וואָס פאַרמאָגט אַן אוצר פון קונסטווערק און האָט געקאָסט הוירסטן, זאָגט מען, הונדערט און פופציק מיליאָן דאָלער... כאָטש מ׳לאָזט אונדז

אריה פאַזי

# גלויבן אין יידישקייט אין אַ דור פון אומגלויבן*)

וואָס עס איז דער תמצית פון יידישקייט איז אַ פראַגע וואָס ווערט אָפט דיסקוטירט. אויף דעם ווערן געגעבן פאַרשיידענע ענטפערס, וואָס ניט אַלע שטימען צווישן זיך. מיר וועלן אָבער דעם עצם ענין דאָ ניט באַהאַנדלען. ס'וואָלט אונדז פאַרפירט צו ווייט. דאָ וועלן מיר אָנווייזן נאָר אויף צוויי ענטפערס, וואָס קיינער פרעגט זיי ניט אָפּ און אַלע זיינען מיט זיי מסכים. איין ענטפער האָט אויף דעם געגעבן הלל הנשיא, וואָס האָט געלעבט אַן ערך הונדערט יאָר פאַרן חורבן בית שני, און וואָס איז געווען איינער פון די סאַמע גרעסטע תלמידי חכמים ביים יידישן פאָלק.

הלל האָט די דאָזיקע פראַגע פאַרענטפערט צו אַ גוי, וואָס האָט זיך שפּעטער מגייר געווען. ער האָט געזאָגט: „דעלך סני לחברך לא תעביד“ — טו ניט צו אַ צווייטן וואָס דו אַליין האָסט פיינט. דאָס, האָט ער געזאָגט, איז דער עיקר פון יידישקייט און די אַלע אַנדערע זאַכן זיינען נאָר אַ פּירוש אויף אָט דעם עיקר. דאָס הייסט, הלל האָט באַזירט דעם עיקר פון יידישקייט אויף די הומאַניטאַרע, עטישע, סאָציאַלע און מאָראַלישע באַציונגען וואָס די תורה האָט איינגעשטעלט צווישן מענטש און מענטש.

אָבער מיט וואָסערע עלף־צוועלף הונדערט יאָר שפּעטער איז אויפגעקומען ביים יידישן פאָלק אַ צווייטער גרויסער דענקער, דער רמב״ם, און ער האָט פעסטגעשטעלט, ניט איינעם, נייערט דרייצן עיקרים פון יידישקייט, דרייצן אני־מאמינס, דורך וועלכע ער איז געגאַנגען ווייטער פון הללן. ער האָט אין זיינע עיקרים אויך אַריינגענומען די שייכות, דעם דיאַלאָג, וואָס דאָס יידישע גלויבן האָט איינגעשטעלט צווישן גאָט און מענטש.

פאַרשטייט זיך, רמב״ם האָט הללס אני־מאמין ניט געלייקנט. רמב״מס אני־מאמינס זיינען געווען אַ הוספה צו הללס הומאַניטאַרן עיקר פון יידישקייט. ס'איז דערפאַר, וואָס דעם לעצטנס עיקר איז

*) תמצית פון אַ לעקציע געהאַלטן ביים „שבת־טיש“ פון אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג אין לאָס אַנדזשעלעס, מערץ 1969.

---

אַהין ניט אַריין, זיינען מיר אָבער צופרידן זיך צו דערוויסן, אַז דער פּאַלאַץ ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מוזעאום און דאָס פאָלק וועט קאָנען געניסן פון דעם. טויזנטער געדאַנקען גייען דורך דעם מוח.

קאַרמעל, מאָנטערעי, די 17 מייל רונד און אַרום שפּאַציר ביים ברעג פון ים האָבן מיך אין גאַנצן פאַרכישופט. מיר זיצן אין אַ רעסטאָראַן אין מאָנטערעי. ער איז געבויט ווי אַ שיף און שטייט אויפן סאַמע וואַסער. מיר היטן די לבנה וואָס גייט אויף און דעם זונען־פאַרגאַנג. זיי האָבן זיך כמעט ווי צעקושט... עס וויגן זיך לייכט ווייסע שיפלעך איבערן ים און דערמאָנען אין מאַמעס וואָס פאַרוויגן זייערע קינדער מיט ליבשאַפט און האָפענונג...

דער ים איז דאָ ווי אַ שפּיגל. ער באַוועגט זיך אין גאַנצן ניט. כאָטש נעם אַ שפּאַציר איבער אים. אַלץ איז אַזוי רואיק און עס נעמט דיך אַרום אַזאַ בענקשאַפט... טראַכסט וועגן די וועמענס אויגן קאָנען שוין מער דעם צויבער ניט זען... דו טראַכסט פון די קינדער אין וויגן וועמענס לעבנס ווערן איצט באַדראָט און די בענקסט נאָך... ש ל ו ם... אויפן מאַסט פון איינעם פון די שיפלעך וויגט זיך לייכט אַ טויב, אַ ווייסע טויב. בעטסט זיך כמעט ביי איר, אָנצוזאָגן דער וועלט ווי מיר לעכצן נאָך ש ל ו ם... נאָך אמתן, דויערהאַפטן, מענטשלעכן שלום... און—דו קריגסט אַזוי ליב דעם פּאַציפישן אָקעאַן, דעם ים וואָס האָט באַרייכערט דיין נשמה און געלינדערט דיין געמיט.



געווען מאַסגעבנדיק בכדי אויפצוהאַלטן יידישקייט נאָר אין זיינע, הללס צייטן. אין הללס צייטן האָט דאָמינירט די רוימישע קולטור, וואָס איר עיקרדיקער טעזיס איז געווען, מאַכט איז רעכט. האָט הלל פעסטגעשטעלט דעם יידישן טעזיס, אַז יושר איז רעכט. אָבער אין רמב״מס צייטן, ווען סיי די קריסטן און סיי די מוסולמענער האָבן אויך געפּריידיקט (הגם ניט פּראַקטיצירט) הומאַניטאַרע באַציונגען צווישן מענטש און מענטש, איז הללס איינציקער עיקר פון יידישקייט שוין ניט געווען גענוג מאָסגעבנדיק בכדי צו דערהאַלטן יידן ביי זייער אייגנאַרטיקן גלויבן און צו קענען ווידערשטיין די פורעניות, וואָס האָבן זיך אויף זיי געשאָטן פאַר זייער באַזונדערן גלויבן.

ניט אַזוי די עיקרים וואָס רמב״ם האָט צוגעגעבן. זיינע עיקרים האָבן אויף אַזוי־פיל געווירקט אויף די שפּעטערדיקע פיל צענדליקער דורות פונעם יידישן פאָלק, אַז אונדזערע זין און טעכטער זיינען אויסגעשטאַנען אָן אַ שיעור יסורים, האָבן זיך מקריב געווען על קידוש השם, אָבער פון די דאָזיקע עיקרים זיינען זיי ניט אָפּגעטראָטן.

פון וואַנען האָט זיך ביי זיי גענומען אָט־די אומגעווינלעכע, גרויסע, אומדערשעפּלעכע גייסטיקע גבורה ?

די דאָזיקע גבורה האָט זיך אין זיי איינגעפעסטיקט דורך זייער טיפער אמונה אין דעם עיקר, וואָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון די חכמי התלמוד: „דע לפני מי אתה עתיד לתן דין וחשבון“ — זאָלסט וויסן פאַר וועמען דו וועסט מיט דער צייט דאַרפן אָפּגעבן אַ דין וחשבון פאַר דיינע מעשים (פּרקי אָבות). און דאָס האָט דער רמב״ם אָנגענומען פאַר דעם עיקרדיקן עיקר פון יידישקייט. און אָט דעם דין וחשבון דאַרף מען אָפּגעבן — ווי דער רמב״ם האָט אים באַצייכנט — הקדוש ברוך הוא, דעם הייליקן, געבענטשט איז ער, וואָס ווייסט אַלע מעשים, געדאַנקען און געפילן פון מענטש, וואָס ער איז איינציק און קיין אַנדער איינציקייט ווי ער איז ניט פאַראַן, און ער איז היה, הוה ויהיה (ער איז געווען, איז איצט און וועט זיין).

אָבער — און דערביי ווילן מיר דאָך ניט זיין געניאַרט — ביי אַ סך פון אחינו בני ישראל פון דעם איצטיקן דור האָט זיך שוין אַריינגעטאָן כפירה, לייקענונג — ביי וועמען מער און ביי וועמען ווייניקער — אין דעם קיום פון הקדוש ברוך הוא, ווי רמב״ם האָט אים פאָרמולירט און פאַר וועמען מענטש וועט באַדאַרפן אָפּגעבן אַ דין וחשבון פאַר זיינע מעשים. דאָס איז דערפאַר וואָס זיי באַטראַכטן שוין דעם קדוש־ברוך־הוא ניט פון אַ פּערזאָנאָפיצירטן, סוביעקטיוון און צו מענטש דירעקט שייכותדיקן ענין, נייערט פון אַן אָביעקטיוון פילאָסאָפישן קוקווינקל, אָפט מאָל ווי בלויז אַ היפּאָטעזע, וואָס קען וויסנשאַפטלעך און וועזנטלעך פאָרשעריש ניט באַשטעטיקט ווערן.

נון, לאָמיר דערביי נאָכגעבן — אָן דעם טיפערן אַריינבליק אין דעם ענין — אַז די סקעפּטיקער און אפילו די כופרים בעיקר, די אומגלייביקע, האָבן דאָס רעכט אַזוי צו טראַכטן און אַז אויך די לאָגיק איז אויף זייער צד. מעגן זיי דערפאַר אויפהערן צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם קדוש־ברוך־הוא פאַר וועמען זיי וועלן דאַרפן אָפּגעבן אַ דין וחשבון. אָבער — און דאָס ווילן מיר דאָ איבערגעבן בשם אומרו, ש. ניגער ז״ל — די פון זיי, וואָס האָבן אויגן צו זען און חושים צו פילן, שטויסן זיך במילא אָן אויף דער דאָזיקער קדושה — אַזאַ קדושה פאַר וועלכער, צי מען וויל צי מען וויל ניט, הערט מען קיין מאָל ניט אויף אָפּצוגעבן אַ דין וחשבון.

אָט די קדושה באַציט זיך צו אַלץ מיט אַן אַנדער וואָס מיר טרעפן אָן אין דער נאַטור, אָנגעהויבן פון דעם אַטאָם און ביזן קאָסמאָס און ביז דעם ווונדער פון לעבן בכלל, סיי פון דוממים און סיי פון בעלי־חי, און באַזונדערס — מענטש.

לאָמיר אין שייכות מיט אָט דעם ענין פּרווון מאַכן אַן אייגענעם חשבון הנפש.

אין משך פון די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר איז וויסנשאַפט פאָרגעשריטן אויף אַזאַ שטייגער, אַז ס'האָט גורם געווען, אַז דער אַלגעמיינער איינגעשטעלטער מענטשלעכער געדאַנקען־גאַנג זאָל זיך היפּש ענדערן. מענטש האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן איבעררייסן זיין בונד מיט

געטלעכקייט, אָנגעהויבן באַטראַכטן זיך פאַר זעלבסטשטענדיק און, פון אָט דעם קוקווינקל, צו שאַצן און צו באַטראַכטן דעם זינען פון זיין אייגענעם לעבן.

אַ מאָל זיינען די פראַגעס וועגן זינען פון לעבן באַטראַכט געוואָרן כלאחר יד. אמת, אין תנ״ך זיינען פאַר אָט־די פראַגעס געווידמעט צוויי ספרים: איוב און קוהלת. דאָרט ווערן פאַר אָט דעם פּראָבלעם געשטעלט האַרבע קשיות. אָבער דער ענטפער אויף דעם איז דאָרט באַשטימט אין פאָרויס: מענטש איז ניט פריי — זיין גורל איז באַשטימט פון גאָט צו וועמען ער מוז זיין אונטערטעניק. בכדי צו באַרואיקן זיין געמיט האָט מענטש בכיוון זיך פאַרהוילן אונטער שלייערס פון גלויבנס פון וועלכע די דאָזיקע פראַגעס זיינען אָפּגעשפּרונגען ניט פאַרענטפערט און אָן דער נייטיקייט פאַרענטפערט צו ווערן. אין משך פון אַ סך יאָרהונדערטער איז בדרך כלל געווען אָנגענומען אַ גלויבן, ווי אַ חוק שלא יעבור, אַז מענטש איז אַ סינטעז פון אַ קערפער, אַ געדאַנק און אַ נשמה. די נשמה איז גייסטיק און דער קערפער איז מאַטעריאַליסטיש. דער באַוווסטזיין, אָדער זינען פון מענטש, בשותפות מיט דער נשמה, איז געבענטשט מיט פרייען ווילן און קען קאָנטראָלירן דעם קערפער.

אָט דער גלויבן האָט דערהאַלטן ביים גייסטיקן גלייכגעוויכט ניט נאָר די רעליגיעזע מענטשן, נייערט אפילו די פון די סקעפּטיקערס וואָס זיינען ניט להוט צו יאָגן זיך נאָך נייע געדאַנקען.

דאָס האָט אָבער זיך ממשותדיק געענדערט אין די לעצטע יאָרן פון 19טן י״ה, מיטן אויפקום פון דער פילאָסאָפיע פון מאַטעריאַליזם — מיט דעם איינשטעל, אַז חומריות איז די איינציקע ווירקלעכקייט.

מענטשן האָבן אָנגעהויבן גלייבן, אַז מיר ווערן קאָנטראָלירט — דירעקט און אוממיטלבאַר — דורך באַשטימטע מעכאַנישע געזעצן; אַז ס׳ציט זיך אַן אומענדלעכע קייט פון גורם און עפעקט, סיבה און פועל־יוצא, וואָס קאָנטראָלירן אונדזערע לעבנס; אַז די איינציקע געשעענישן, וואָס ווירקן ענדגילטיק צו באַשטימען דעם אויפפיר פון מענטש, זיינען דורכויס קערפערלעכע, מחמת אַלע גייסטיקע אויסדרוקן זיינען ניט מער ווי דער רעזולטאַט פון די פיזישע פונקציעס פונעם קערפער

דעמאָלט האָט אויך אָנגעהויבן אַנטוויקלען זיך די וויסנשאַפט פון פּסיכיאַטריע. עס זיינען אויפגעקומען פרויד און זיינע נאָכפאָלגערס. זיי האָבן זיך אָריענטירט אויף דער אויפפאַסויג פון מענטש. זיי האָבן טעאָרעטיש באַשטימט. אַז אונדזערע דערפאַרונגען פון קינדהייט און אונדזערע געמיט־רעגונגען פון פריסטער יוגנט, זיינען די געביטן וואָס איבן אויס זייער ווירקונג איבער אונדזער לעבן, און פרייער ווילן איז ניט מער ווי אַ דוכטעניש, אַ פאַרבלענדעניש.

אָט די לעבנס־פילאָסאָפיע האָט אָנגעהאַלטן ביז די וויסנשאַפטלערס האָבן געשפּאָלטן דעם אַטאָם. מיט אָט דער געשעעניש האָט זיך געענדערט דער גאַנצער מענטשלעכער געדאַנקען־גאַנג. עס איז מיט אַ מאָל אַנטפּלעקט געוואָרן, אַז דער אַטאָם איז דער עיקר אַ פּוסטע לאָך; אַז אַלץ, וואָס מיר האָבן פריער באַטראַכט ווי קאָמפּאַקטע מאַטעריע, איז באמת כמעט פּוסטער רוים. די אַלע אַנדערע באַשטאַנדטיילן פונעם אַטאָם — 34 שוין ביז איצט אַנטפּלעקטע באַשטאַנדטיילן — זיינען עפּעס אַ קראַפט וואָס איז ענלעך צו עלעקטריציטעט און ס׳קען ניט פאַררעכנט ווערן פאַר דעם וואָס מיר באַגרייפן ווי חומר.

די באַטייטנדיקסטע פון די איצטיקע וויסנשאַפטלערס האָבן זיך עפנטלעך אויסגעדריקט ווי מטושטש און געפּלעפט זיי זיינען געוואָרן דורך דער שפּאַלטונג פון דעם אַטאָם און דער אויפלייזונג פון מאַטעריע. דאָס צווינגט זיי, האָבן וויסנשאַפטלערס דערקלערט, איבערצושאַצן און איבערצוגעשטאַלטן זייער גאַנצע לעבנס־פילאָסאָפיע און זייערע באַגריפן וועגן מענטש און דעם באַטייט און זינען פון לעבן. צווישן די דאָזיקע וויסנשאַפטלערס געפינען זיך אַזעלכע גאונים ווי ערווין שראָדיגער, מאַקס פּלאַנק, ניל באָהר און — דער גאוניסטישער פון זיי אַלעמען — אַלבערט איינשטיין.



גענוי און דירעקט האָט אָט דעם ענין אויפגעקלערט איינער פון די פּראָמינענטע וויסנשאַפטלערס, דאָנאַלד וו. אַנדריוס, דער הויפּט פון כעמישן אָפּטייל פון דזשאָהן האָפּקינס אוניווערסיטעט. אַנדריוס האָט דעם ענין אָט ווי געגעבן צו פאַרשטיין:

„וויבאַלד דער אַטאָם איז דער עיקר ליידיק, אָנגעפילט מיט אַ ביסל עלעקטריציטעט, און וואָס די ברעקל יאָדרע פון דעם איז פאַקטיש אויך ניט מער ווי כוואַליע און וויבראַציע, מוזן מיר איבערשאַצן אונדזער גאַנצן געדאַנקען־גאַנג מכוח דעם וואָס איז ווירקלעך און וואָס איז ניט מער ווי אילוזיע.

„ס׳איז קלאָר, אַז מיר קענען מער ניט אָננעמען פאַר ריכטיק די גבית עדות פון אונדזערע פינף חושים.

„ווען מיין פינגער רירט אָן אַ שטיקל האָלץ, איז עס ניט מאַטעריע וואָס רירט אָן מאַטעריע — ס׳איז אַן עלעקטרישע כוואַליע וואָס רירט אָן אַן אַנדער עלעקטרישע כוואַליע. ווען איך קוק אויף דיר, זע איך ניט מאַטעריע; איך זע אַ האַרמאָנישע קאָמפּליקאַציע פון עלעקטרישע וויבראַציעס, שטרעמונגען, און וואָס איז נאָך וויכטיקער: איך זע נאָך ווייניקער ווי איין פּראָצענט פון די אַלע שטרעמונגען וואָס דו פּראָדוצירסט. מחמת דיין ווירקלעכקייט מאַניפעסטירט זיך מער אין דער אומזעעוודיקער וועלט איידער אין דער זעעוודיקער. דו, מענטש, ביסט דאָך מער געפיל, געדאַנק, שטימונג, וויסן, שאַפונג, איידער פיזישער וועזן, און דאָס אַלץ זע איך ניט. ניט נאָר איך זע עס ניט, דו אויך זעסט עס ניט. און בכדי צו פאַרשטיין דעם סך־הכול פון דיין ווירקלעכקייט, מוזן מיר קענען קלאָר פאַרשטיין אונדזער וועלט פון אומזעעוודיקע וויבראַציע און אומזעעוודיקע דאָמינירנדיקע כוחות.״*)

און אָט די אומזעעוודיקייטן וואָס וויברירן אין פּוסטקייט אין אַן איינגעשטעלטער אָרדענונג און שטעלן צוזאַמען דעם עצם פון אַטאָם, אָט די פאַר אונדז אומפאַרשטענדלעכע כוחות, וואָס גייען אַרויס פון דעם גדר וואָס מיר רופן אָן חומר — זיינען עס די ציגל, דער בוי־מאַטעריאַל פון וואָס עס באַשטייט דער קאָסמאָס און וואָס איז אין דעם קאָסמאָס. און דאָס אַלץ איז איינגעהילט אין סודותדיקייט, וואָס דער מענטשלעכער וויסן און פאַרשטאַנד האָט עס נאָך ניט באַנומען, און ווער ווייסט צי ער וועט עס ווען עס איז קענען באַנעמען.

פּונקט אַזוי ווי לעת עתה איז דער מענטשלעכער מוח נאָך ניט ביכולת צו באַנעמען דעם קאָסמאָס, וואָס באַשטייט פון מילי־מיליאַרדן גאַלאַקסיס און וואָס יעדע באַזונדערע גאַלאַקסי באַשטייט פון מיליאַרדן שטערן, און יעדער שטערן איז אַ זון, קען זיך זיין ווי אונדזער זון, מיט פּלאַנעטן און קאָמעטן, וואָס אויף אַ סך פון זיי, איז מען זיך משער, האָט זיך געקענט אַנטוויקלען לעבן, מיט אינטעליגענטע לעבעדיקע באַשעפענישן — אַזוי ווי אויף דער ערד.

אָבער וואָס איז די ערד? וואָס איז אָט די היים אונדזערע וווּ מיר לעבן און געדייען? לגבי דעם קאָסמאָס, און אפילו לגבי אונדזער אייגענעם זון־סיסטעם, איז עס דאָך ניט מער ווי אַ מיניאַטור, אַ פּיצעלע, וואָס פליט אַרום, קרייזט זיך אַרום דער זון אין דער אומגעהויער וויסטעניש פונעם קאָסמאָס, אַ ברעקעלע פונק אין די גרענעצלאָזע ספערן פון אין־סוף. און אָט דער פּיצעלע פונק אין דעם אומענדלעכן אויסשפּרייט פון דער וועלט, איז ווי אַן אָאַזיס אין אומגעהויערן שטח פון וויסטעניש, וואָס איז פאַר מענטש איבערגעגעבן געוואָרן, פאַר אים באַשטימט געוואָרן, וווּ צו לעבן און געדייען — אין דער בחינה פון אַסטראָנאַטן אין אַן אייביקן קרייז אַרום דער זון — און צו באַווייזן פּ אַ ר וו אָ ס ער דאַרף לעבן.

און אָט דער פּ אַ ר וו אָ ס דאַרף ער קודם פאַרשטיין און דערנאָך באַרעכטיקן, געבן פאַר דעם אַ זכות הקיום.

בכן, מיר זעען און פילן מיט אַלע אונדזערע חושים די וווּנדער פון דער וועלט, די גרויסע נסים פון דער נאַטור. ווי אַ צוגאָב צו דעם דאַרפן באַטראַכט

---

*) זע „אי־עס־פּי״ (עקסטראַסענסאָרי פּערסעפּשאָן) פון סוזי סמיטה—פּיראַמיד בוקס״, נומער עקס־776, ז״ז 12־14.

ווערן די ריזיקע גייסטיקע כוחות פון מענטש. אָט די אַלע זאַכן, סיי זיי ווערן באַטראַכט באַזונדער און סיי צוזאַמען גענומען, זיינען גרויסע רעטענישן, טאַטזאַכן געשאַפן פון אַ געהיימען כוח, וואָס הגם מיר קענען אים טאַקע בשום אופן ניט באַגרייפן, אָבער וואָס ווען מיר פאַרטיפן אונדזערע געדאַנקען מכוח דעם, ווערן מיר אָנגעפילט מיט גרויס ווונדער, מיט התפעלות פאַר דער פּאַנאָראַמע וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדזער וויזיע, און וואָס פירט אונדז צו אַ מצב פון התרוממות הרוח, גייסטיקער דערהייבונג.

און דעסטמאָל — הגם מיר האָבן פאַרלוירן די טיפע אמונה פון אונדזערע עלטערן אין דער פּערזאָנאָפיצירטער געטלעכער קדושה, שטעלן מיר זיך דאָך אַוועק אין גרויס ווונדער קעגן אָט דער איינגעאָרדנטער געטלעכער קדושה פון נאַטור.

און דערביי לאָמיר דאָ אויפקלערן, אַז דער עיקר וואָס מיר ווילן דאָ אַרויסברענגען, באַשטייט אין דעם, אַז ווי פריער דערמאָנט, מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט קדושה, און ס'איז אין עצם קיין חילוק ניט צי מיר דערקענען עס ווי הקדוש ברוך הוא, אָדער מיר דערקענען עס ווי קדושה ברוכה היא.

* * *

טיפזיניקע רעליגיעזע דענקערס האָבן קיין מאָל ניט פאָרגעשטעלט גאָט ווי אַ קנאי, אַ גייסט פאַר וועמען מ'דאַרף מורא האָבן, צו וועמען מ'דאַרף זיך קניען און בוקן, האַלטן אין איין זינגען אים שבחים, צו אים זיך חנפענען, מאַכן ברכות צו אים אויף יעדן שריט און טריט — וואָרום ווען ניט, וועט ער צאָרענען און שטראָפן מיט האַרבע שטראָף. אַ נוקם־ונוטר־גאָט, אָדער אפילו אַן אל־מלא־רחום וחנון, איז אַן אויסטראַכטעניש אין וואָס מענטשן האָבן אַריינגעגעבן זייערע אייגענע מענטשלעכע שוואַכקייטן און ליידנשאַפטן, און באמת איז עס אַ פאַרשוועכונג פון דעם באַגריף געטלעכקייט.

און בכלל מענטשלעכע שוואַכקייטן זיינען דאָך אַן אויסדרוק פון גשמיות, און גשמיות איז, לויט דער לאָגיק, אַן ענין וואָס קאָן זיך זיין גאָטס אויסדרוק דורך פיזישן וועלט־באַשאַף, אָבער איז ניט דער עצם פון גאָטס מהות. די יידישע תורה האָט קאַטעגאָריש דערווייטערט גשמיות פון געטלעכקייט. שוין אין די עשרת הדברות (די צען געבאָטן) ווערט פאַרזאָגט: „לא תעשה לך פסל וכל תמונה אשר בשמים ממעל ואשר בארץ מתחת" — זאָלסט דיר ניט מאַכן אַ געשניץ, אָדער קיין שום געשטאַלט פון וואָס אין הימל אויבן, אָדער וואָס אויף דער ערד אונטן. און ווייטער ווערט אָט דער ענין נאָך מער אויפגעקלערט אין דער תורה: „ונשמרתם מאד לנפשותיכם, כי לא ראיתם כל תמונה" — דערום זאָלט איר זייער היטן אייער זעל, וואָרום איר האָט ניט געזען קיין געשטאַלט (דברים ד', ט"ו). פאַרצושטעלן, הייסט עס, גאָט בילדלעך אין אַ גשמיותדיקן זין איז אַ זינד וואָס קען וואַרפן אַ פגימה אויף דער נשמה פון מענטש. און רמב"ם האָט אין זיינע עיקרים פון אמונה פעסטגעשטעלט, אַז „הבורא יתברך שמו אינו גוף ולא ישיגיהו משיגי הגוף ואין לו שום דמיון כלל" — דער באַשעפער געבענטשט איז ער איז ניט קיין קערפּער און מ'קען אים מאַטעריאַליסטיש ניט באַגרייפן און קיין פאַנטאַזיע קען אים ניט פאָרשטעלן.

און אין דער קבלה ווערט אַרויסגעבראַכט די הנחה, אַז גאָט איז אַזוי אומגעהויער ריזעדיק, אַז ער איז איבער דעם אויסשפּרייט פון דעם גאַנצן אין־סוף און קיין זאַך איז ניט ליידיק פון אים. ער איז אפילו צו ריזעדיק צו פאַרנעמען זיך מיט אַזאַ לגבי אים מינדערווערטיקייט ווי דער באַשאַף פון דער וועלט. וואָרום דער גאַנצער עולם ומלואו איז אַ גאָרנישט לגבי אים. בכן, ווי קען מען זיך פאָרשטעלן, פרעגן די מקובלים, אַז גאָט טוט אַכטונג געבן אויף יעדן באַזונדערן מענטש, ציילט זיינע מצוות און עבירות און מישפּט אים לויט זיינע פאַרדינסטן?

ענטפערן אויף דעם די מקובלים, אַז ניט מער ווי די עמאַנאַציע פון גאָט, די ספירות זיינען די דאָזיקע וואָס גיבן אַכטונג אויף דעם. און אפילו זיי זיינען צו ריזעדיק פאַר דעם באַשאַף און אויפהיט פון דער וועלט, נאָר עס זיינען דאָ „שברי כלים" — ברעקלעך און צעברעקלונגען



פון דער געטלעכער עמאַנאַציע, און ערשט פון זיי שטאַמט אַלץ מיט אַנאַנדער. און פון אָט די ברעקלעך — לאָמיר זיי אָנרופן מיט אַ מאָדערנעם נאָמען, גייסטיקע אַטאָמען — און די טיילן פון די דאָזיקע ברעקלעך, איז דער פיזישער און גייסטיקער עצם פון וואָס עס באַשטייט וועלט און מענטש.

נון, פון דעם זעפּונקט, פון דעם מאַקראָקאָזם וואָס איז כולל די גאַנצע וועלט, לאָמיר אַריבער צום מיקראָקאָזם, דעם ברעקעלע פונקט פון דער וועלט — מענטש.

די ערשטע פראַגע איז: וואָס איז מענטש? איז ער אַן אויסדרוק פון עפּעס אַ דרויסן, אָדער איז ער אַן אַליינקייט, ד"ה פון זיך אַליין אַן אויסדרוק?

איז דער לאָגישער ענטפער, אַז מענטש איז בשום אופן ניט קיין אַליינקייט. מענטש איז —

ערשטנס, אַ צופאַל פון דער באַפרוכ־ מענטש? איז ער אַן אויסדרוק פון עפּעס קער, וואָס דאָס אַליין איז דאָך אַ געשאַנק וואָס איז געגעבן ניט צו מענטש אַליין, נייערט צו אַלע בעלי חי, און וואָס ניט מענטש אַליין האָט אין זיך אַריינגעגעבן;

צווייטנס, קענען מיר ניט משיג זיין געגעבנקייט סיידן עס שטאַמט פון עפּעס אַ דרויסנדיקן כוח.

וואָס, אָדער ווער איז דער דאָזיקער כוח?

דער אַנטוויקלטער מענטשלעכער רעליגיעזער געדאַנק שטעלט פאָר דעם דאָזיקן כוח ווי קדושה און רופט עס גאָט — קדושה און אומענדלעכקייט, קדושה אין דעם באַגריף וואָס איז איבער און אַריבער וועלט און וועלטלעכקייט און אַ פּשיטא מענטש און מענטשלעכקייט.

נון, קען מען עס דען אַנדערש טייטשן? מענטש מוז זיך דאָך מודה זיין, אַז ער אַליין שאַפט ניט, ער ווערט געשאַפן. ער שאַפט קיין זאַך ניט — אפילו ניט זיינע אייגענע טאַטע־מאַמע. ער געפינט אַלץ פאַרטיק. ער שאַפט אויך ניט קדושה — אויך זי געפינט ער פאַרטיק. לייגט זיך אויפן שכל — עס מוז זיך אַזוי לייגן! — אַז ווי טאַטע־מאַמע גיט אים בירושה זיין קערפּער, גיט אים קדושה בירושה גייסט. דאָס הייסט, מענטש איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַן עפּיזאָד פון קדושה, וואָס פרומע מענטשן רופן ג אָ ט — אַן אָפּשפּיגלונג אין דער ברעקלסטער מאָס פון דעם גייסט פון גאָט.

לאָמיר אָבער דערביי זיין אָפּגעהיט פון נידערשעצן דעם עצם פון מענטש. מענטש, לויט אָט דער לאָגיק, טראָגנדיק אין זיך די פונקען פון קדושה, ווי דאָס קונסט־ווערק פון גאָט, האָט, הגם אין מיניאַטור, זיך אויסגעלערנט צו שאַפן און קאָנטראָלירן ווונדערלעכע מאַשינעריע, אין דער בחינה פון דעם שטייגער ווי דער פיזישער און ביאָלאָגישער מעכאַניזם פון מענטש גופא ווערט קאָנטראָלירט — מחמת מענטשלעכע קערפּערס זיינען דאָך אויך אויסערגעוויינלעך ווונדערלעכע קאָמפּליצירטע מאַשינעס.

אָבער וואָס מאַכט אַ מאַשין צו פונקציאָנירן?

די פיזישע און מעכאַנישע אייגנשאַפטן פון אַ מאַשין זיינען אין איר אַריינגעגעבן געוואָרן דורך געדאַנק — דורך מענטשלעכן געדאַנק.

געדאַנק — דאָס איז דער באַזיץ פון מענטש.

אָבער וואָס קאָנטראָלירט געדאַנק? וואָס שאַפט אים? וואָס סטימולירט אים?

ווען מענטש פאַרטראַכט זיך וועגן די ווונדערס פון דער נאַטור, פון אַטאָם ביז קאָסמאָס, דער גרויסער מיסטעריע פון לעבן און אַלץ וואָס נאַטור פאַרמאָגט: זיין און אומזיין און דער אַרומנעם צו וואָס אָט דער באַגריף איז מחייב, און, דער עיקר, דעם מענטשנס טיפע ליידנשאַפט גייסטיק צו וויזואַליזירן אַן איבערזיין — איז דער עצם פאַקט וואָס ער קען אָט די ווונדער באַנעמען, מאַכט מענטש גופא נאָך ווונדערלעכער פון די אַלע ווונדערס וואָס ער באַוווּנדערט.

וואָס פאַר אַן אַפּאַראַט איז דאָ אין מענטש, וואָס דערמעגלעכט אים צו קענען באַגרייפן ווונדער און צו קענען דענקען בכלל?

עס איז פעסטגעשטעלט אין מענטשלעכן וויסן, אַז דאָס איז דער מוח, זיין מענטשלעכער מוח, וואָס שאַפט פאַר אים אָט די מעגלעכקייט צו דענקען. אָבער וואָס איז דער סוד פון מענטשלעכן מוח?

ווי אַזוי ווערט עס מעגלעך דורך אָט די גשמיותדיקע און חומריותדיקע צעלן אַרויסצורופן אַבסטראַקטע געדאַנקען, וואָס זיינען בשום אופן ניט אין דער קאַטעגאָריע פון גשמיות און חומריות?

שוין יאָרן און יאָרן ווי אונדזער וויסנשאַפט פאָרשט דעם מענטשלעכן מוח און האָט זיך נאָך אַלץ צו גאָרנישט דערפאָרשט, און מ'ווייסט נאָך אַלץ זייער ווייניק וועגן אים.

דער מוח איז די קרוין, דער גלאַנץ פון מענטשלעכן געפיל, חוש און געדאַנק. זייער פאָרזיכטיק באַשירעמט אין קאָפּ דורך אַ האַרטן ביינערדיקן שאַרבן, וועגט דער מאַרך אין קאָפּ אַרום דריי פונט און פאַרנעמט אַ פּלאַץ פון אַרום 90 קובישע אינטשעס. ער איז ממש אַ וווּנדער פון קאָמפּליצירטקייט. מחמת אין דעם מוח געפינען זיך אַרום צען מיליאַרד צעלן, וואָס הייסן ניוראָנס, און אַרום הונדערט מיליאַרד אַנדערע צעלן וואָס הייסן גליאָ — 110 מיליאַרד פונקציאָנירנדיקע באַשטאַנדטיילן אַריינגעפּאַקט אין איין קליינעם מענטשלעכן שאַרבן.

און אָט דער באַשטאַנדטייל פון מיליאַרדן צעלן פון דעם מוח טוט אַ טאָפּלטע אַרבעט: ער שטעלט אונדז צו אינפאָרמאַציע פון דעם דרויסנדיקן וועלטאַל וואָס רינגלט אונדז אַרום, און ער אָרדנט איין די אינערלעכע סביבה פון אונדזערע אייגענע מענטשלעכע פיזישע און גייסטיקע פונקציעס. דער מוח דערהאַלט די אַלע ידיעות וואָס קומען אַריין דורך די אויגן, אויערן, נאָז, צונג און פינגערס, און ער טוט גלייכצייטיק באַאַרבעטן און אויפקלערן אָט די ידיעות וואָס גרייכן אים.

גלייכצייטיק איז דער מוח אויך דער אינסטרומענט וואָס ברענגט צו מענטש באַוווּסטזיין, דערמעגלעכט אים צו זיין שעפעריש, צו דענקען סיי פּאָזיטיוו און סיי אַבסטראַקט, צו דערקענען עטישע און עסטעטישע ווערטן — ווי אויפצופירן זיך, ווי אויסצוטיילן גוטס פון שלעכטס, און אפילו ווי צו דערטראַכטן זיך צום געדאַנק פון געטלעכקייט און דער שייכותדיקייט פון מענטש צו דער דאָזיקער געטלעכקייט.

ווי אַזוי טוט עס דער מוח? ווי אַזוי פונקציאָנירט ער? ווי אַזוי פּראָדוצירט ער געדאַנקען, געפילן, באַוועגונגען?

דאָס אַלץ איז נאָך די גרעסטע רעטעניש פון דער נאַטור. מ'זעט און מ'באַנעמט בלויז די רעזולטאַטן פון דער פונקציע פון דעם מוח, אָבער מ'ווייסט ניט ווי אַזוי עס אַרבעט. מ'ווייסט אַז די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון זייערע מוחות האָבן אַרויסגעבראַכט די וויסנשאַפטלעכע פאָרמולעס פון אַן איינשטיין; די קינסטלערישע שאַפונגען פון אַ יהודה הלוי, אַ ח. נ. ביאַליק, אַ ה. לייוויק, אָדער אַ וויליאַם שעקספּיר; די וויזיעס פון משה רבינו אָדער די נביאים; די פאַרטיפטע פילאָסאָפיעס פון אַ רמב"ם, אַ ברוך שפּינאָזע, אַן עמנואל קאַנט, אָדער די פיל אַנדערע וווּנדערס וואָס מענטשן האָבן צוגעטראַכט — די וווּנדערס פון מאַטעמאַטיק, פון פיזיק, פון לאָגיק אאז"וו און ווייטער. אָבער ווי אַזוי דאָס אַלץ ווערט אַרויסגעבראַכט, הייבט קיינער ניט אָן צו וויסן.

איצט קומט אויך די פאָרשונג פון פּאַראַפּסיכאָלאָגיע, וואָס ברענגט אַרויס די באַזונדערע פאַרבאָרגענע און ביז איצט אין אַ היפּשער מאָס פאַרהוילענע פונקציעס און כוחות פון מוח, אויף אַזוינע כוחות און אייגנשאַפטן וואָס זיינען נאָך מער וווּנדער איבער וווּנדער:

די וווּנדער פון טעלעפּאַטיע: קען איין מענטש דרינגען אין די געדאַנקען פון דעם אַנדערן? עס זיינען אָנגעזאַמלט געוואָרן טויזנטער באַווייזן, אַז דאָס געשעט יאָ אַ מאָל. אָבער ווי אַזוי געשעט עס? דאָס איז אַ סוד.

אויך די וווּנדער פון העלזעעריי — די אייגנשאַפט פון אייניקע מענטשן צו קענען זען זאַכן און געשעענישן, וואָס זיינען ווייט אַוועק פון די וואָס זעען עס.

און — אויך די פראַגע פון אָקולטיזם, השאָרת הנפש... אני בתוכם פון די וואָס גלייבן אין דעם. אָבער לאָמיר נאָכגעבן די סקעפּטיקער, אַז דער ענין איז נאָך ביז איצט ניט גרונטלעך פעסטגעשטעלט, אָבער די אַלע סימנים און געשעענישן וואָס פירן צו דער אמונה פון אָט דעם פענאָמען, וואָס דריקט זיך אויס אין זיינע טויזנטער אָבסערווירטע און געפאָרשטע דערשיינונגען, אָט די אַלע געשעענישן



זיינען דאָך אויך אין דער קאַטעגאָריע פון וווּנדער איבער וווּנדער.

ניט געאַכט אויף אַלץ וואָס וויסנשאַפט קלערט אויף, אָבער דווקא דערפאַר וואָס וויסנשאַפט גופא בלייבט שטיין פאַרווירט קעגן די אַלע סודות אויף וואָס זי שטויסט זיך אָן און קען זיי ניט אויפקלערן — פירט אונדז, לאָגיש, צו גלייבן און צו דערקענען אַ שכל־איבער־שכל פון דעם וואָס מיר רופן נאַטור, צו אַ ווילן־איבער־ווילן, צו אַן אייגנשאַפט איבער אַלע אונדזערע אייגנשאַפטן, וואָס קיין שום פאַנטאַזיע קען פון דעם ניט באַנעמען אפילו דעם מינדסטן טייל.

די נאַטור פון מענטש און די נאַטור וואָס רינגלט אונדז אַרום איז ניט בלינד. איר אָרדענונג און געזעצלעכקייט איז באַשטימט ניט קיין צופאַל. ערגעץ ווו איז דאָ — מוז זיין! — אַן ענטפער אויף די אַלע וווּנדערס אויף וואָס מיר שטויסן זיך אָן. וויבאַלד מענטש איז באַשאַפן געוואָרן מיט די פעיקייטן צו שטעלן קשיות, מוז דאָך ערגעץ ווו זיין אַ תירוץ אויף דעם.

וואָס איז דער תירוץ?

דעם תירוץ ווייסן מיר טאַקע ניט, אָבער וואָס מיר ווייסן יאָ, און ווייסן עס באַשטימט, איז אַז מיר מוזן האָבן אמונה אַז דער תירוץ איז ערגעץ ווו יאָ פאַראַן.

און אָט די אַלע חידושים, די וווּנדער פון נאַטור, סיי די וואָס מיר באַנעמען מיט אונדזערע פינף חושים, און סיי די וואָס מיר באַנעמען בלויז מיט אונדזער שכל און מיט אונדזערע דערפאַרונגען — זיי אַלע פירן צו דער דערקענונג פון קדושה ברוכה היא, אפילו ווען מיר ווערן סקעפּטיש מכוח דעם טעאָלאָגישן איינשטעל פון אַ פּערזאָניפיצירטן הקדוש ברוך הוא.

און אָט די קדושה ברוכה היא איז אין דער פולער האַרמאָניע ניט נאָר מיט דער פילאָסאָפיע פון יידישקייט, נייערט אויך מיט איר טעאָלאָגיע: די פילאָסאָפיע, לאָמיר זאָגן, פון רמב"ם, אַז „דער באַשעפער געבענטשט איז ער איז ניט קיין קערפּער און קיין פאַנטאַזיע קען אים ניט פאָרשטעלן", און די פאַנטעיסטישע טעאָלאָגיע פון די חסידים, אַז גאָט פילט אויס די גאַנצע וועלט און קיין זאַך איז פון אים ניט אָפּגעליידיקט.

און האָבנדיק דאָס אַלץ אין זינען ווערן מיר במילא געפירט צו דער מסקנה, אַז אמתע און באַוווּסטזיניקע יידישקייט קען בשום אופן ניט עקזיסטירן אָן דעם יסוד פון אמונה. אויב אפילו עס פעלט וועמען די אמונה אין דעם גאָט מיט וועמען אברהם אָבינו האָט פאַרשניטן אַ בונד אויף דור דורות, קען ער אָבער יאָ בלייבן אַ ייד ווען ער גלייבט אין די גייסטיקע ווערטן — אומאָפּהענגיק פון טעאָלאָגיע — וואָס ווערן אונדז איבערגעגעבן בירושה פון דור צו דור און וואָס האַלטן אין איין אַנטוויקלען זיך פון דור צו דור.

האָבן יידישע הוגי־דעות אָפט מאָל געשטעלט די האַרבע קשיא: ווי קען מען גלייבן אין יידישע ווערטן, אויב מ'האָט בכלל ניט קיין חוש פאַר דערהייבענע גייסטיקע ענינים? ווי קען מען זיך אונטערנעמען צו ליידן פאַר יידישקייט, אויב דער שכל איז צום אָרעם צו פאַרנעמען ענינים וואָס מ'קען זיי ניט משיג זיין מיט געוויינלעכן פאַרשטאַנד און אַוודאי ניט מיט די באַגרענעצטע מענטשלעכע חושים? — האָבן זיי אויף דעם געגעבן דעם באַשטימטן ענטפער: מ'קען טאַקע ניט!

בכדי צו זיין אַ ייד, דאַרף מען זיין באַוווּסטזיניק אויף יידישקייט. ווער עס קען ניט זען דאָס פאַרבאָרגענע ליכט פון יידישקייט, איז ניט מסוגל צו זיין אַ ייד.

ווען אַ ייד איז באַוווּסטזיניק, גלייבט ער אין דעם יידיש געשיכטלעכן און נאַציאָנאַלן קיום, ניט ווייל עס איז דאָ אַ ביאָלאָגיש געזעץ, וואָס טיילט אויס דעם יידן פון ניט־יידן. אַזאַ געזעץ איז ניט פאַראַן. יידישקייט איז ניט מחייב אַ ביאָלאָגישן געזעץ, נייערט אַ באַזונדערע גייסטיקע אמונה, אַ באַזונדערן גייסטיקן איינשטעל. מיר יידן, ווי אַ פאָלק, זיינען גייסטיק שעפעריש און אַנדערש קולטורעל ווי אַנדערע פעלקער. און אויב מיר הערן אויף אַזוי צו זיין, הערן מיר אויף צו זיין יידיש.

און ווען מיר קומען צו אָט דער מסקנה נעמען מיר ניט אין אָנבאַטראַכט דווקא די יידן אין די תפוצות, נייערט מיר נעמען

אויך אין אָנבאַטראַכט די יידן אין מדינת ישראל. אויך אונדזערע אחינו בני ישראל אין דער יידישער מדינה וועלן ווי אַ פאָלק ניט האָבן קיין באַזונדערן ווערט, אויב זיי וועלן דאָרט זיין ניט מער ווי ככל הגויים, און ניט ממשיך זיין די אייגנאַרטיקע אויסצייכענונג פון דער יידישער קולטור און גייסטיקער דערפאַרונג — אָנהייבנדיק פון די נביאים און ביז אונדזער איצטיקן שעפערישן דור.

די גרויסע מעלה פון האָבן אַן אייגן לאַנד געפינט זיך ניט, ווי אַ סך פון אונדז זיינען להוט צו דענקען, וואָס דאָרט טוען מיר ענדלעך אַראָפוואַרפן פון זיך דעם ביטערן יאָך פון געשיכטע און ווערן אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער. פאַרקערט, די גרויסע מעלה באַשטייט אין דעם, וואָס ערשט אין דער אייגענער מדינה האָבן מיר אַ גרעסערע און פולערע מעגלעכקייט צו רעאַליזירן און צו אַנטוויקלען אונדזער קולטור־היסטאָרישע אייגנאַרטיקייט.

און אונדזער יידישע היסטאָרישע דערפאַרונג, אָנהייבנדיק פון די נביאים און ביז איצט, פירט אונדז צו דער איבערצייגונג, אַז עם ישראל, סיי אין מדינת ישראל און סיי אין די תפוצות, געפינט זיך תמיד אין דער סכנה פון אומקום, סיידן די איבלען פון אַלע פעלקער איבער דער וועלט וועלן אויסגעוואָרצלט ווערן.

וואָס זיינען די איבלען וואָס שטעלן איצט אין סכנה פון אומקום די גאַנצע מענטשלעכע ציוויליזאַציע ?

מערקווירדיק, די דאָזיקע איבלען און סכנות וואָס ווערן דורך זיי אַרויסגעבראַכט, זיינען אויסגערעכנט געוואָרן פון אַ וויסנשאַפטלער פון אַ גאָר ניט פריידלעכן לאַנד, איינעם וואָס ווערט פאַררעכנט פאַר אַ רוסישן וויסנשאַפטלער און וואָס באמת איז ער אַ ייד — איינער פון די וועלט־באַרימטע פיזיקערס, אַנדרעי (אברהם) זאַכאַראָוו. ער האָט וועגן דעם פאַרעפנטלעכט אַ מעמאָראַנדום אונטערן נאָמען: פראָגרעס, פרידלעכער צוזאַמענלעבן און אינטעלעקטועלע פרייהייט. דער דאָזיקער מעמאָראַנדום האָט אויף אַזוי פיל אַרויסגערופן אויפזען פון אַמעריקאַנער וויסנשאַפטלערס, אַז איבער אים ווערן אָנגעפירט שמועסן צווישן פראָפעסאָרן פון אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן איבערן לאַנד, אָנהייבנדיק פון האַרוואַרד, יעיל און קאָלומביאַ אין די מזרח־שטאַטן און ביז די קאַליפאָרניער אוניווערסיטעטן אין די מערב־שטאַטן.

אין זיין מעמאָראַנדום פירט אויס אַנדרעי זאַכאַראָוו, אַז די מענטשלעכע ציוויליזאַציע איז איצט געשטעלט אין גרויס געפאַר דורך:

1) דער אַנטוויקלונג פון אַטאָמישן וואָפן וואָס קאָן אומברענגען דאָס גאַנצע לעבן אויף דער ערד;

2) דער מענטשלעכער מין קען דעגענערירט ווערן דורך דעם נאַרקאָטישן געברויך, וואָס פאַרשפרייט זיך מער און מער, און —

3) דורך די מאַסן־מיטאָסן, וואָס אונטערוואַרפן פעלקער און גאַנצע קאָנטינענטן אונטער דער הערשאַפט פון רוצחישע און כיטרע דעמאַגאָגן. דערביי גיט ער אָן פאַר ביישפילן: ראַסיזם, סטאַליניזם, מאַאָיזם.

און זאַכאַראָוו קומט צום אויספיר, אַז אין דעם אָנזען פון אַזעלכע סכנות, איז אַ פאַרברעכן וועלכע עס איז טעטיקייט וואָס פאַרשטאַרקט אומאחדות צווישן פעלקער, אַלץ וואָס פריידיקט ניט־אויסשטימלעכקייט צווישן אידעאָלאָגיעס, אָדער די אוממעגלעכקייט פון אויסגלייכן צווישן פעלקער.

נון, איז דאָך דאָס אַלץ וואָס ווערט איצט אַרויסגעבראַכט פון דעם יידיש־רוסישן וויסנשאַפטלער, אַרויסגעבראַכט געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן פריער, פון די יידישע נביאים, און זיי האָבן שוין דענסטמאָל פּראָקלאַמירט, אַז די עובדה פון ציון איז אַרויסצוברענגען תורה, וואָס „וועט משפטן צווישן די פעלקער, און אַנטשיידן איבער פיל אומות; און זיי וועלן שמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס, און זייערע שפיזן אויף צווייגמעסערס; אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט ניט הייבן קיין שווערד, און מען וועט ניט לערנען מלחמה.‟ (ישעיה ב׳, ד׳; מיכה ד׳, ג׳).

אמת, אונדזער יידישע מדינה איז איצט אַליין פאַרנומען אין אַ מלחמה — אין פאַרטיידיקונג קעגן דעם אָנגריף פון



רוצחישע דעמאַגאָגן פון די אַראַבישע פעלקער. ישראל אַליין קען נאָך דערוויל ניט „שמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס.‟ מיר קענען אָבער האָפן, אַז אָט דער מלחמה־צושטאַנד וועט ניט לאַנג דויערן, שלום וועט אין אונדזער מדינה פאָרט איינגעשטעלט ווערן און ישראל וועט קענען ווידער ווערן אַ „מאור לגויים‟ — אַ ליכט פאַר אַלע פעלקער.

און אַ ליכט וועט דענסטמאָל ישראל זיין אויך פאַר אונדז אחינו בני ישראל אין די תפוצות. גערעכט זיינען געווען אונדזערע חז״ל, וואָס האָבן געזאָגט, אַז „ישראל ואורייתא חד הוא.‟ מיט ישראל האָבן זיי געמיינט עם ישראל. איצט, אַז ב״ה האָבן מיר אויך אַ זעלבסטשטענדיקע מדינת ישראל, באַדאַרף יענער מאמר חז״ל פאַראַפראַזירט ווערן: „ישראל, התפוצות ואורייתא חד הוא.‟

מחמת לאָמיר דערביי זיך מודה זיין אויפן אמת: אונדזער יידישלעכער ליכט אין די תפוצות ווערט טונקעלער פון טאָג צו טאָג, און בכדי אויפצוהאַלטן אונדזער קיום דאָ הי, וועלן מיר מוזן נוצן דעם אָפשיין פון ישראל צו באַלייכטן אונדזער דאָ היגן יידישלעכן וועג.

דערביי טאָרן מיר אויך ניט פאַרלירן די אמונה, אַז ניט געקוקט אויף אַלע פינצטערע און ביטערע דערפאַרונגען, וואָס מיר שטייען זיך אויס איבער דער גאַנצער וועלט, דערפאַרונגען וואָס מאַכן דעם גלייביקסטן מענטש צו זיין גענייגט צו כפירה בעיקר; ניט געקוקט אויף דער וועלט־ירידה און געפאַלנקייט — טאָרן מיר ניט פאַרלירן די אמונה, אַז מענטש וועט זיך פאָרט באַזינען און אָנשטאָט וואָס ער ציט איצט מיטן שטראָם פון זעלבסט־פאַרטיליקונג, וועט ער פאָרט איבערוועלטיקן דעם גילגול פון שטן וואָס זיצט אין אים, און דאָס ליכטיקע אין אים וועט פאַרטרייבן די פינצטערניש.

עוד לא אָבדה תקוותנו. משיח וועט יאָ קומען. ער מוז קומען! אפילו ווען ער פאַרשפעטיקט זיך, אָבער קומען וועט ער קומען!

פינטשע בערמאַן

## צוויי לידער

### ווען די שטערן הערן אויף ווינקען

פיל מאָל צו די ליפּן דערגרייכט שוין דער כוס,
און איך קען פון אים לאַנג דאָך ניט טרינקען —
פאַרוואָלקנט אין אים איז דער ווײַן אָן אַ מאָס,
ווי שטערן, וואָס הערן אויף ווינקען.

פיל מאָל צעטרוימט זיך פרימאָרגן מיין האַרץ —
אַ זון אַ צעהעלטע גייט קומען.
קומט אָן אַ וואָלקן, צעוויכערט און שוואַרץ,
און דער טרוים אין מיין האַרץ ווערט צעשוווּמען.

פיל מאָל צעקלינגען זיך טריט ביי מיין טיר —
עס קומט אָן אַ סוף צו מיין אומעט . . .
קומט אָן אַ האָגל און בייז אָן אַ שיעור,
דער ווינט אין מיין קוימען דאָרט זשומעט.

איז אַזוי פיל מאָל, ווען עס שטראַלט אין מיין שויב
פון אַ זוניר געמיט דאַן אַ צייכן —
קומט אָן, מיט אַ פליגל צעבראָכן, די טויב,
און עס נידערט מיין ליד פון די הויכן . . .

## מענטשלעכע קלאַנגען

עס עכאָן פון ערגעץ געזאַנגען אויף פעלדער,
צום טאַקט און צום ריטם פון פריידיקער מי —
דאָרט קלייבט מען אין זונשיין דעם שפע פון בייטן,
פול ווי די אייטערס פון מעלקענדיקע קי.

עס עכאָן פון ערגעץ געזאַנגען פון קינדער,
וואָס דריקן די פרייד אויס פון יוגנט און גליק —
זיי שפּרינגען, און לאַכן, און זינגען צעהאָפּערט
פון „זילבערנעם טייכל", פון „גאָלדענעם בריק".

עס עכאָן פון ערגעץ געזאַנגען פון כאָרן,
אין רייען געשלאָסן, צום ריטם פון טריט —
זיי זינגען פון פרייהייט, פון היים און פון קאָרן,
מיט פייער אין בלוטן, מיט אויגן צעגליט.

אויך עכאָט פון ערגעץ געזאַנג פון טראַנשייען,
פון מענטשן, וואָס ליגן אין שמוץ און אין ווײ —
זיי זינגען און זוכן ווי טויט צו פאַרזייען,
ערגעץ פאַר מענטשן, אין גריבער, ווי זיי . .

**און אַזוי עכאָן אָפּ אין מיין האַרצן געזאַנגען,**
**זיי מישן זיך אויס, און עס גיט מיר קיין רו —**
דאָס זענען דאָך עכאָס פון מענטשלעכע קלאַנגען,
דאָס זינגען דאָך ברידער, ווי איך, און ווי דו . . .



# קונסט און קינסטלערס

זלמן זילבערצוויג

## צוויי יידישע טעאַטראַלן

ביידע, סיי מ. פּערענסאָן, סיי ש. י. דאָרפּזאָן, זיינען ניט געווען צו פּאָפּולער אין די ברייטע יידישע קולטור־קרייזן. כ'וועל אפילו ניט איבערטרייבן צו זאָגן, אַז מען קאָן אין דעם אויך איינשליסן די ענגע יידישע טעאַטער־וועלט. די סיבה דערפון וועל איך אפשר שפּעטער דערקלערן. אָבער דאָס מינערט ניט פאַר קיין פאַל דעם פאַקט, אַז זייער ביישטייער צום יידישן טעאַטער־וועזן איז געווען גאָר נישקשהדיק און אַז זייער אַוועקגיין וועט קיין גוטס דעם יידישן טעאַטער ניט ברענגען.

דאָס סטאַבילע יידישע טעאַטער (געגרינדעט דורך אַברהם גאָלדפאַדען אין 1876 אין יאַסי, רומעניע) דערנענטערט זיך צו אַן אָנגעזעענע דאַטע — 100 יאָר. קיין קינדער זיינען דאָך צום טעאַטער ניט צוגעטראָטן, נאָר אַלץ מענטשן על כל פּנים ניט יונגער פון 20 יאָר. דערנענטערן מיר זיך צו די טראַדיציאָנעל־אויסגעחלומטע 120 יאָר, וועלכע מען ווינטשט זיך, כאָטש מען ווייסט, אַז מען דערגרייכט זיי ניט. איז דעריבער זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיר האָבן שוין היינט איבער דער גאַנצער וועלט ניט קיינעם, וואָס זאָל זיין אַן עד ראיה פון יענעם היסטאָרישן געשעעניש אין אונדזער יידישן קולטור־לעבן. פאַרשטייט זיך, אַז די אַזויגערופענע „טעאַטראַלן" (רעצענזענטן, קריטיקער, מעצענאַטן, עסקנים) פון יענער עפּאָכע זיינען אויך מער ניטאָ. אָבער אויך די טעאַטראַלן פון אונדזער דור זיינען שוין באַלד אַ גאָר גרויסע זעלטנהייט. ווי לאַנג איז עס, ווי אַרגענטינע האָט געהאַט אַזעלכע טעאַטראַלן ווי יעקב באָטאָשאַנסקי און דר. ל. זשיטניצקי; פּוילן — זלמן רייזען, נחמן מייזיל, נח פּרילוצקי, דער היסטאָריקער דר. יצחק שיפּער, דער דראַמאַטיקער, רעזשיסער און קריטיקער דר. מיכאל ווייכערט, די קריטיקער י. מ. ניימאַן, א. איינהאָרן, ד. ב. מאַלקין, ב. קאַרלינסקי, אלחנן צייטלין און פּסח קאַפּלאַן; סאָוועט־רוסלאַנד — נ. אויסלענדער; אַמעריקע — דעם היסטאָריקער ב. גאָרין, די קריטיקער אב. קאַהאַן, ש. יאַנאָווסקי, וויליאַם עדלין, נ. בוכוואַלד, יואל ענטין, ישראל דער יענקי, משה נאַדיר?

היינט צו טאָג זיינען פאַרבליבן געציילטע טעאַטראַלן און רעצענזענטן, און ווען עס גייט אַוועק אַ טעאַטראַל, אַ מענטש, וואָס איז זיך עוסק אין יידיש טעאַטער, בלייבט טאַקע אַ גרויס לאָך.

* * *

משה פּערענסאָן, וועלכער איז געשטאָרבן דעם 4טן יאַנואַר, 1969, אין ניו־יאָרק, איז אָנגעגאַנגען אַלס אַ בונדישער קולטור־טוער. ער איז ביי זיין טויט, וואָס איז געקומען פון אַ קראַנקייט צו וועלכער די מעדיצין האָט נאָך דערוויל ניט געפונען קיין רפואה, אַלט געווען 66 יאָר. ער האָט, ביי זיין זשוואַווקייט ניט אויסגעזען זיין עלטער. ער איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע דעם 24טן דעצעמבער, 1902, און האָט געלערנט אין דער האַנטווערקער־שול און שפּעטער ביי פּריוואַטע לערער. צו 16 יאָר איז ער אַריינגעטראָטן אין דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט", און פון דאָרט איינגעזאַפּט זיין פּאָליטישע דערציונג ביי וועלכער ער איז פאַרבליבן אין זיין נייער היים, אַמעריקע. אָבער ס'האָט אים געצויגן צו טעאַטער, און זעענדיק דעם מצב פון דעמאָלטיקן יידישן קאָמערציעלן טעאַטער אין וואַרשע, האָט ער באַשלאָסן צו גיין אויף אַנדערע וועגן. ער האָט קודם כל שטודירט אין אַ דראַמאַטישער שול, וועלכע ער האָט פאַרענדיקט און דעמאָלט האָט ער איבערגענומען אין דער „צו־

קונפט"־אָרגאַניזאַציע די אָנפירונג און די רעזשי אין דער דראַמאַטישער סעקציע און מיט איר אויפגעפירט אַ גרויסע צאָל גרעסערע און קלענערע דראַמאַטישע שאַפונגען פון יידישע שריפטשטעלער און פון דער איבערגעזעצטער וועלט־ליטעראַטור. ער האָט שוין אין איראָפּע, אויסער די רעאַלע באַטייליקונג אין יידישן טעאַטער, דורך די אויפפירונגען, זיך אויך אָפּגעגעבן מיט שרייבן וועגן דער טעאָריע פון טעאַטער און קריטיק און רעצענזיעס אויף אויפפירונגען.

נאָך היטלערס איבערפאַל אויף פוילן, איז פערענסאָנען געלונגען זיך פון דאָרט צו ראַטעווען, און פאַרלירנדיק דאָרט זיין פרוי רוטע און זיין איינציקן זון, וועלכע זיינען אומגעקומען אין מיידאַנעק, האָט ער, נאָך לאַנגע וואַנדערונגען, באַוויזן אין 1941, צו דערגרייכן אַמעריקע. דאָ איז ער געווען אַ זעצער, אַ לערער אין די שלום־עליכם מיטלשולן. אין אַמעריקע, ניט געקוקט אויף איר גרויסער יידישער באַפעלקערונג, ספעציעל אין ניו־יאָרק, האָט ער אָבער ניט באַוויזן אַרויסצורופן ביי קיין אָרגאַניזאַציע דאָס געפיל צו שאַפן אַזאַ דראַמאַטישע סעקציע ווי אין וואַרשע און ער האָט זיך געמוזט באַגרעניצן מיט געציילטע אויפפירונגען, באַזונדערס אַלס דראַמאַטישער דירעקטאָר פון קעמפּ „ניי וועלט".

פערענסאָן האָט זיין אינטערעס און ליבע צום יידישן טעאַטער איבערגעגאָסן אויף צוויי געביטן: ער פלעגט אַליין ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אויפטרעטן אַלס רעציטאַטאָר און מאָנאָלאָגיסט, אָבער נאָך מער האָט ער זיך געווידמעט צום שרייבן וועגן טעאַטער. זיינע אַרטיקלען אין די בונדישע אָרגאַנען און אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט פאַכמענישן וויסן, אַ געהעריקע באַציונג צום באַטייט פון יידיש טעאַטער און אַ נאָגנדיקע נאָסטאַלגיע צום בעסערן יידישן טעאַטער, ווי ער האָט אים געזען ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה אין פוילן.

זיינע גרעסערע אַרבעטן זיינען געווען אַ לענגערע עסיי וועגן שעקספּירן אויף דער יידישער בינע (באַזירט אויף מיין מאָנאָגראַפיע אויף דער טעמע), דאָס מיט־רעדאַקטירן דאָס גרויסע זאַמלבוך פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס — „יידישער טעאַטער אין איראָפּע," וווּ ער האָט אויך אַ גרעסערע אַרבעט וועגן די ניט־פּראָפעסיאָנעלע דראַמאַטישע קרייזן און טעאַטער־סטודיעס, וואָס האָבן געלייגט דעם יסוד און טייל מאָל אַפילו געווען די איינציקע פערזאָנאָפיצירונג פון בעסערן יידישן טעאַטער. ער האָט זיך אויך ערנסט מיטבאַטייליקט אין דער אַרבעט פון זיין אַ בורר אין דער טעאַטער־פּרעמיע פון יידישן קולטור־קאָנגרעס פאַר אָריגינעלע יידישע טעאַטער־שאַפונגען.

* * *

וועגן ש. י. דאָרפזאָן (וועלכער איז אויך געווען באַקאַנט אונטער זיין ריכטיקן נאָמען האַרענדאָרף) איז בסך הכל געווען אַ קורצע טעלעגראַמע פון לאָנדאָן. אַז ער איז דאָרט געשטאָרבן אין עלטער פון 74 יאָר. עס איז מער גאָרניט געשריבן געוואָרן וועגן אים און אפילו ניט אָנגעגעבן געוואָרן דעם טאָג ווען ער איז געשטאָרבן, הגם ביז גאָר קורץ פאַר זיין טויט זיינען איינציקע מאָל אַ וואָך אויף די שפאַלטן פון „טאָג־מאָרגן זשורנאַל" געווען געדרוקט זיינע זייער פיין־געשריבענע, אָפט מאָל סענסאַציאָנעלע און תמיד אינפאָרמאַטיווע קאָרעספאָנדענציעס.

איך האָב זיך מיט דאָרפזאָנען גוט געקענט. מיר האָבן זיך באַקענט ערגעץ ווו אין איראָפּע שוין נאָך דעם ווי ער איז געווען אַוועק פון יידישן טעאַטער, און שפעטער, בעת מיין רעדאַקטירן דאָס וואָכנבלאַט „דער אַמעריקאַנער" אין ניו־יאָרק, געשטאַנען אין אָפטן שריפטלעכן קאָנטאַקט צוליב זיין אינטענסיווע מיט־אַרבעטערשאַפט אין מיין וואָכנבלאַט. אויך אין די לעצטע יאָרן האָבן מיר אָנגעהאַלטן אַ שריפטלעכע פאַרבינדונג, ספעציעל ווען איך האָב געדאַרפט עפעס אַן אינפאָרמאַציע וועגן יידישע אַקטיאָרן אָדער טעאַטראַלן אין ענגלאַנד.

שמואל יעקב האַרענדאָרף איז געבוירן געוואָרן אין כענטשין, פוילן, אין דער באַרימטער „מלך אביון"־געגנט, אַזוי, אַז ווערנדיק צו 4 יאָר אַ יתום, האָט ער שוין צו 14 יאָר געמוזט אָנהייבן אַרבעטן, און ווען ער פאַרלירט אין 1915 אויך זיין מוטער, וואַנדערט ער אַוועק קיין דרום־טיראָל, ווו ער אַרבעט ביי גאָר שווערע אַרבעט. דערנאָך וואַנדערט ער אויס קיין וויין. קומט שפעטער צוריק אַהיים קיין פוילן, ווערט אַ פועלי־ציון־טוער, אָבער די וואַנדערלוסט בלייבט שוין ביי אים, און אַזוי נעמט ער אַרום־וואַנדערן 10 יאָר מיט אַ יידישע טעאַטער וואַנדער־טרופּע, פריער אַלס סופלער, דערנאָך ווי אַן אונטערנעמער, איבער שטעט און שטעטלעך פון טשעכאָסלאָוואַקיע, רומעניע, אונגאַרן, עסטרייך און יוגאָסלאַוויע. אָט די עפּאָכע האָט ער דערנאָך באַשריבן אין אַ ריי עפּיזאָדן, וועלכע ער האָט געדרוקט אין דער יידישער פרעסע און שפעטער אַריינגענומען אין אַ בוך „טעאַטער־קאַראַוואַנען", וואָס איז איינס פון די מערקווירדיקסטע טשיקאַווסטע יידישע טעאַטער־עפּיזאָדן־זאַמלונגען.

אין 1931 האָט ער זיך באַזעצט אין פראַג און זיך אָפּגעגעבן דורכויס מיט זשורנאַליסטיק, וואָס ער האָט נאָך אַ סך פריער אָנגעהויבן. ער האָט אויף זיינע וואַנדער־וועגן אויך געגרינדעט יידישע פעריאָדישע אויסגאַבן. אין 1940 האָט ער זיך באַזעצט אין לאָנדאָן, פון וואַנען ער האָט געשריבן אַרטיקלען און קאָרעספאָנדענציעס פאַר זייער פיל יידישע צייטונגען איבער דער וועלט. אויסער דעם האָט ער אויך געגרינדעט אין לאָנדאָן „די יידישע וועלט־נייעס אַגענטור" (איוונא), אַ וועכנטלעכער נייעס־בולעטין אין יידיש.

אָבער אין גאַנצן אַוועק פון יידישן טעאַטער איז האַרענדאָרף ניט. אויסער אַ גרעסערע אַרבעט: „יידיש טעאַטער אין ענגלאַנד," וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין „ייוואָ בלעטער" (1966) האָט ער אויך אָנגעשריבן עטלעכע פיעסן, וואָס האָבן ניט מרעיש עולם געווען. אָבער איין קאָמעדיע זיינע, „דער קעניג פון לאַמפּאַדוסאַ", וואָס ער האָט געבויט אויף אַ קאָמישן עפּיזאָד אין דער געשיכטע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז געווען אַ ריזיקער דערפאָלג, איז געשפילט געוואָרן אין אַ סך לענדער און אפילו אויף העברעיש אין מדינת ישראל. דאָס איז, דאַכט זיך, געווען דאָס איינציקע שטיקל נחת וואָס דער פאַרברענטער העראָלד פון יידישן טעאַטער, וואַרענדאָרף, האָט געהאַט ביי זיין לעבן.

די שטילקייט אַרוםביידנס טויט איז צו פאַרשטיין דערפון וואָס פערענסאָן איז געבליבן איינגעשלאָסן אין די ענגע ראַמען פון זיינע פאַרטיי־חברים און וואָס האַרענדאָרף־דאָרפזאָן האָט געלעבט אין אַ ישוב, וואָס איז שוין אויסגעלאָשן פון זיין יידישער פאָלקסטימלעכקייט.

---

**באַמערקונג פון רעדאַקציע:**
שוין נאָכן אָפּזעצן דעם אַרטיקל איז אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" געווען געדרוקט אַן אַרטיקל וועגן פאַרשטאָרבענעם.

---

## „די וועלט פון אסתר רחל קאַמינסקאַ"

אונטער דעם נאָמען איז נאָר וואָס אַרויס אין מעקסיקע אַ מאָנאָגראַפיע וועגן דער „מאַמע פון יידישן טעאַטער", געזאַמלט מאַטעריאַלן און געשריבן פון זלמן זילבערצווייג.

דאָס איז זילבערצווייגס 26טע בוך און דאָס ערשטע בוך וועגן אַ יידישער פרוי־קינסטלערין (אויסער וואָס עס איז דאָ אין יידיש אב. קאַהאַנס בוך וועגן דער באַרימטער קינסטלערין ראַשעל, וואָס האָט אָבער מיט יידישער קונסט ניט געהאַט צו טאָן. זילבערצווייג באַהאַנדלט אין דעם בוך אַלע פאַזן פון אסתר רחל קאַמינסקאַ, סיי איר אָנהייב אַלס פרימאַדאָנאַ, שפעטער שפילערין אין מעלאָדראַמעס ביז איר העכסטן שטאַפל אַלס די וויכטיקסטע יידישע דראַמאַטישע שוישפילערין. דאָס בוך נעמט אַרום אירע וואַנדערונגען, איר פריוואַט לעבן און די קריטיק פון דער יידישער און ניט־יידישער וועלט. עס איז זייער רייך אילוסטרירט.

דער פרייז פון בוך איז 5 דאָלער. צו באַקומען ביים מחבר: 6517 דרעקסל עוו. לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע.

# שרייבערס און ביכער

אבֿרהם באַראַבאַן / חולון, ישׂראל

## דאָס ליד אין זיין האַרציקער פּשוטקייט

(וועגן דיכטער פּינטשע בערמאַן)

פֿאַראַן דיכטונג, וועלכע — אַפֿילו ווען דער לייענער פֿון איר איז אין געהויבע־נער שטימונג — איז אים שווער צו דערקלייבן זיך צום דיכטערס כּוונות אין איר. זי איז אים פּשוט נישט צוגעגנלעך. זאָל עס זיין צוליב דער פֿאָרם, וועלכע דער דיכטער האָט אויסגעקליבן פֿאַר איר, און זאָל עס זיין צוליבן וויקלען זיינע געדאַנקען און אימאַזשן אין אַ פֿאַרנעפּלטקייט, אַמאָל בכּוונה תּחילה און אַמאָל אין אויטאָמאַטישן גאַנג פֿון שאַפֿן, אַבי זיי זאָלן נישט זיין פּשוט. ביי פֿיל דיכטער, און אויך ביי פֿיל לייענער, איז אָנגענומען, אַז פּשוטקייט אין דער פּאָעזיע „פּאַסט נישט." אַפֿילו ערנסטע קריטיקער ווערן אַריינגעצויגן אין דער דאָזיקער מיינונג, און די „פּשוטע" לידער־זאַמלונגען זיינען נישט זוכה זייער אויפֿמערקזאַמקייט, און אַוודאי שוין איז אָפּגערעדט פֿון שרייבן וועגן איר. דאַרפֿן מיר דאָך נישט אויפֿקלערן דעם גוטן לייענער, אַז דווקא די פּשוטקייט — פּשוט ריידן, פּשוט שרייבן און פּשוט דיכטן — איז גאָרנישט פֿון די לייכטע זאַכן און איז דווקא אַ מדרגה. דוד פֿרישמאַן אין זיין „במדבר" האָט געפּרוווט דערגיין צום קלאַסיש־מעטעאָריש־פּשוטן תּנ"ך סטיל, אָבער ער האָט נאָר דערגרייכט צו ענלעכקייט, זייער אָפּגעשטאַנען, ווייט פֿון תּנ"ך גופֿא. משה לייב האַלפּערינס פּשוטקייט אין דער דיכטונג, איז שווער צו קאָפּירן. מיגועל סערוואַנטעס איז דער־גאַנגען צו קלאַסישער פּשוטקייט. דאקעגן אַ באַקאַנטער יידישער פּאָעט, שרייבט יידיש — און הלוואַי וואָלט מען זיינע לידער פֿאַרשטאַנען, כאָטש ער באַקומט אויס־לענדישע פּריזן. קאָמפּליצירן דיכטונג איז מער געשיקטע מלאכה, אַ מין „פֿאָקוס", וואָס נישט איין מאָל קוקט דער דיכטער אויף זיין אייגענער מלאכה מיט אויגן פֿון אַ קונצן־מאַכער.

די אויבנגעבראַכטע מעדיטאַציעס האָב איך אָנגעוואָרפֿן אויפֿן פּאַפּיר בעתן לייענען פּינטשע בערמאַנס לידער־זאַמלונג „אָפֿענע פענצטער" (אַרויסגעגעבן דורכן י. ל. פּרץ פֿאַרלאַג אין תּל־אָבֿיבֿ, 1960). זיין ליד איז פּשוט און האַרציק. מעלות וואָס דערנענטערן דער לייענער צו פּאָעזיע אַ ל ס פֿ אָ ר ם, ווייל מיר ווייסן דאָך וווּיל, אַז דעם ברייטן לייענער איז דווקא די פֿ אָ ר ם פֿון פּאָעזיע אַ שטערונג, דערצו נאָך ווען מען קאָמפּליצירט זי. און נאָך אַ מעלה געפֿין איך אין פּינטשע בערמאַנס דיכטונג — די באַוווּנדערונג פֿון לעבן, פֿון עצם קיום. כ'גלויב, אַז אין זיין דיכטערישן גאַנג האָט ער מסתּמא נישט איין מאָל געפּרוווט טיפֿער אַריינדרינגען אין דער מיס־טעריע פֿון לעבן, אין סוד הקיום — און זיך אין דער צייט צוריקגעצויגן, מורא האָבנדיק אַז דאָס וועט אים פֿאַרפֿירן אויף פּעסימיסטיש־טריבע דרכים. ווייל אין תּוך איז פּינטשע בערמאַן אַ פּאָזיטיווער ענטוזיאַסט, אַן אוהבֿ חיים, און די באַזע פֿון לעבן גופֿא,



פֿון קיום, געגוגנד אים די והותר פֿאַר זיין ליד. זאָל ער דאָס דאָזיקע קענען אויסנוצן, וועט ער מסתּמא זיין אַ זייער צופֿרידענער. אָבער אַפֿילו נישט דאָס גאַנצע לעבן, נאָר דער סך הכּל פֿון אַ שעה לעבן, ברענגט בערמאַנען אַריין אין עקסטאַז:

קלייב צונויף די זאַנגען פֿונעם טאָג,
נעם צונויף די בלומען פֿון דער שעה
און פֿלעכט דיר אויס אַ קראַנץ, ווי קיינער נאָך פֿאַרמאָגט,
און טראָג עס צו צו דעם, וואָס איז נאָך דאָ...

ווייל מאָרגן — — — יאָ, דער מאָרגן וועט נאָך זיין,
און זון וועט זיין און לופֿט וועט זיין, און ים,
נאָר דעם וואָס שרעקט דער היון אין דעם וויין,
יענער פֿילט נישט אויך דיין זיסן טעם...

אַ מאַרמאָרנע קאָלאָנע וועמען ס'טויג,
און ווער עס וויל אַ מאָנומענט פֿון שטיין —
מיך ציט גאָר צום שוואַרצאַפּל פֿון אויג,
און מיין סטאַטוע — בלוט און פֿלייש אַליין...

(„בלומען פֿון דער שעה")

אַוודאי גיט זיך פּינטשע בערמאַן אָפּ חשבון דערפֿון, אַז זינגען „ווי דער פֿויגל פֿריי," איז עפּעס אַ צו גרויסער „לוקסוס" פֿאַר אַ יידישן דיכטער; דעמאָניש־שטנישע כּוחות — היינט און ווי לאַנג מיר געדענקען זיך — לויערן אויפֿן ביסל רו פֿון יידיש שלום־ליבנדיקן און גערעכטיקייט זוכנדיקן מענטש; אַ רוצחישער וויכער טרייבט אַ גאַנץ דייטשיש־טעווטאָניש פֿאָלק צום סאַדיסטיש־קאַניבאַלישן באָדן זיך אין בלוט פֿון מיליאָנען יידן; אַ רעוואָלוציע, וועלכע טרייב־קראַפֿט איז געווען אין תּוך אין איינ־קלאַנג מיטן יידישן יושר־געפֿיל — און וועלכע איז טאַקע אויסגעטראָגן געוואָרן, פֿיזיש און גייסטיק, דורך מאַסן יידן — גייט אויף היטלעריסטישע דרכים, שטרעבט אויס־צוראָטן דאָס יידישע פֿאָלק, און פֿסלט נישט קיין שום וועג דערצו. רבונו דעלמא כּולא — ווי שטייט מען דאָס אַלץ איבער. ווי נעמט מען כּוח צום לעבן איז אַזאַ דזשונגלישע וועלט! עס צאַפּלט דעם דיכטערס האַרץ, זיין גייסט און באַפֿליגלונג ווערן ווי פֿאַר־גליווערט. די יידישע טראַציקייט, דער „לא אָמות כּי אחיה", שטאַרקט אָבער אויך דעם יידישן דיכטער, און ווידער איז אים גוט, ווייל:

עס טרעפֿט זיך אַמאָל און דו קערסט זיך אויף קריק,
ווי אַ וואָגלער, וואָס קומט צום פֿאַרשאָטנעם וועג,
און ס'שיינט אויף פֿאַר דיר דאָס פֿאַרלוירענע גליק —
מיראַזשן, פֿון לאַנג שוין פֿאַרגאַנגענע טעג.

צעפֿלאַטערט זיך פֿלוצלונג אַ טויב אין דער לופֿט —
אַ בשׂורה אין מיטן צעבייזערטן ים,
און עפּעס דיך מוטיקט, און לאָקט דיך, און רופֿט,
און ס'ווערט דיין געמיט אַזוי לייכט, אַזוי גראַם.

ווערט וואַרעם און ליכטיק דער פֿיינלעכער וועג,
אויף וועלכן אַן עלנטער וואַנדערט אַצינד;
פֿליען צום מאָרגן צעזונגענע טעג,
ווי פֿייגל דורך האַרבסטיקן רעגן און ווינט.

(„עס טרעפֿט זיך אַמאָל״)

דער זעלבער מאָטיוו פֿון „על אף הכל״ חזרט זיך איבער ביי בערמאַנען אין פֿאַרשיידענע וואַריאַנטן (אינעם זייער געלונגענעם ליד „אין דעמער,״ אינעם ליד „די ווייטע זייט״. „דאָס ליד פֿון זינדיקן״ און אין פֿיל אַנדערע). דאָך איז פּינטשע בערמאַן נישט דער, וואָס זאָל זיך אין גאַנצן איבערגעבן דעם לעבנס־בלענד. אָט ברויזט ער מיט געצאַמטן צאָרן אויפֿן גורל וואָס איזדעקוועט זיך דווקא אויפֿן „משכמו ומעלהדיקן״ דיכטער־מוכיח, חבר און פֿריינט פֿון פּינטשע בערמאַן — דעם גרויסן „משה לייב (האַלפּערין):

... און איך האָב דיך געזען אין שעה פֿון טרויער,
און איך האָב געזען, ווי דיין האַרץ האָט געוויינט...
האָט פֿלאַמען צעשאַרעט און זיך אָנגעצונדן;
האָסט וועלטן געשאָלטן און זיך דאָס געמיינט...

... אָ, פֿאַרוואָס זאָל דער אייביקער פֿליער אין הייכן
גאָר ווערן צעריבן אין טאָל אונטער ראָד?
פֿאַרוואָס מוז דער אומרו פֿון צעשרפּעטע בלוטן
זיך שטילן אין פּויק און אין גאַס־קאַראַהאָד.

... וועמען דו פֿעלסט אויס, ווי דער סנה אויפֿן באַרג דאָרט,
צו גאַפֿן און וווּנדער, אויף ליכט דיינס צעשיינט...
מיר פֿעלסטו אויס, ווי דער טרייסטער, דער נביא,
מיר פֿעלט אויס, ווי מיין ברודער, מיין פֿריינד.

(פֿון דער פּאָעמע: „משה לייב״)

די דאָזיקע שטאַרק־באַווירקנדע פּאָעמע, ווי כמעט אַלץ וואָס בערמאַן שאַפֿט דורך ליד, טראָגט אויף זיך דעם חותם פֿון גוטער, נישט געקינצלטער פּשטות, אָן אָנשטעל און פֿאַלשן מאַניער. פּינטשע בערמאַן פֿאַרמאָגט געניוג נאַטירלעכע אוצרות — האַרץ און דיכטעריש אויג, אַז ער זאָל דאַרפֿן אָנקומען צו אויסגעבאָרגטע רעקוויזיטן, וועלכע וואָלטן זיך זיכער נישט אַריינגעפּאַסט אין זיין גוטער נאַטירלעכקייט. פֿון מאָל צו מאָל ברייטערט ער אויס זיין שאַפֿונגס פֿעלד. עס פֿאַרנעמט זיך אין אים אַ רייפֿער דראַנג צו געבן אויסדרוק דעם אַמעריקאַנער אַרום — דעם אַלגעמיינעם, נישט ספּעציפֿיש יידישן. עס געווינט דערפֿון דער דיכטער און צוזאַמען מיט אים — די יידישע פּאָעזיע. אַוודאי איז ער באַווירקט פֿון השפּעות (און אין דער ערשטער ריי טאַקע פֿון משה לייב האַלפּערין). אָבער זיי זענען נאָר לברכה. פּינטשע בערמאַנס „קאַסטיאַנעטן״ קלינגען מיט צויבער־ריטם, און יעדער יידישער קינסטלער־רעציטאַטאָר וועט אויפֿנעמען היל־כיקע אַפּלאָדיסמענטן ביים גוטן אויספֿירן די דאָזיקע טאַלאַנטפֿולע שאַפֿונג. כ׳בין זיכער, אַז נישט אַזוי לייכט איז בערמאַנען אָנגעקומען צוצוברענגען די דאָזיקע שאַפֿונג צו איר פֿיינער שלימות.



אויך אין די אַנדערע לידער פֿון דאָזיקן עקזאָטיש־דרום־אַמעריקאַנישן ציקל, שוין נישט (אַ שאָד!) אין דעם סטיל פֿון „קאַסטיאַנעטן״, ליגט אויף דער האַנט־פֿלאַך אַ גאַנצער קאָנטינענט מיט זיין אייגנאַרטיקייט, מיט דער לאָקנדיקער באַזונדערקייט, וואָס גיט דעם לייענער, וועלכער לעבט ווייט פֿון דער דאָזיקער ווירקלעכקייט, ווי עפּעס נאָך אַ לעבנס־דימענסיע — אַ נייע וועלט ממש, וואָס באַרייכערט אים, מיט צויבער־בילדער און גוטן נייגיר.

וווּנדערסט דו דיך טאַקע נישט איין מאָל, פֿאַרוואָס ביי אונדז אין ישראל, וואָס איז געוואָרן אַ וויכטיקער יידיש־צענטער, און פֿיל שאַפֿונג אין אונדזער פֿאָלקס־שפּראַך ווערט אָפּגעשאַצט און אַנאַליזירט, ווערט פּינטשע בערמאַן אין דער הינזיכט באַעוולט. זאָל זיין פּשטות און לויטערקייט פֿון געדאַנק זיין די שטערונג דערצו? ווען טאַקע יאָ, איז עס נישט קיין געהויבענער אַטעסטאַט פֿאַר אונדז.

לילי בערגער / פּאַריז

# „דער גייסט פֿון די ס. ס.־מענער״

(וועגן אַרטור לאַנדאַנס בוך „דער ווידוי״)

וויפֿיל מאָל האָט מען זיך געשטעלט די זעלבע פֿראַגע: ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען וואָס אַנגעזעענע מענטשן האָבן אויף איינסצעניזירטע פּראָצעסן זיך „מודה״ געווען צו די גרעסטע פֿאַרברע־כנס, וואָס זיי זיינען נישט באַגאַנגען.

ווי אַזוי איז דאָס געשען, וואָס מענטשן באַקאַנטע פֿון זייער אומגעבויגנקייט, האַרטנעקיקייט, און אינטעלעקטועלן ווערט, האָבן גענומען אויף זיך שאַנד־טאַטן און נישט געוואַגט אין דער לעצטער מינוט אויסצושרייען דעם אמת?

האָבן דאָך אַזעלכע מענטשן — און אַ סך פֿון די גופֿא — אויסגעהאַלטן די גרעסטע פּייניקונגען און אין אָנבליק פֿון טויט גופֿא זיך נישט אונטערגעבראָכן! פֿאַרוואָס האָבן די געמשפּטע אויף די מאָסקווער פּראָצעסן, שפּעטער אויף די פּראָצעסן אין די פֿאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער אונטערגעשריבן די פּרעפּאַרירטע באַשולדיקונגס־אַקטן, דערנאָך פֿאַרן טרי־בונאַל זיך באַשמוצט און באַשפּיגן, מודה געווען זיך צו מעשים און אַקטן מיט וועלכע זיי האָבן קיין שום שייכות נישט געהאַט?

אין זיין בוך „דער ווידוי״, וואָס איז דערשינען מיט עטלעכע חדשים צוריק און האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם נישט נאָר אין פֿראַנקרייך, ווייזט אונדז אַרטור לאַנדאַו די טייוואָלאָנישע מאַשין, אַ מאָנס־טער־מאַכינע, וואָס האָט צעמאָלן און צע־ריבן אָט די מענטשן. דער מחבר פֿון „ווידוי״ איז אַליין געווען אַ צעמאָלענער און צעריבענער אין די רעדער פֿון יענער מאַשין. ער האָט אויף זיין אייגענער הויט געפֿילט די שטאָלענע, שאַרפֿע ציין אירע, פֿאַרזוכט דעם מאָראַלישן פּאַנצער, וואָס האָט צעדריקט און צעקוועטשט זיין מוח און נשמה, אַליין געפּרוּווט געפֿינען אַן אויסלייזונג אין זעלבסטמאָרד, אָבער אויך די „פּריווילעגיע״ איז אים אָפּגענומען געוואָרן, דערנאָך על פּי נס לעבן געבליבן. — ער איז איינער פֿון די 14 געמשפּטע אויפֿן סלאַנסקי־פּראָצעס פֿון וועלכע 11 האָט מען געפֿירט צו דער תליה און דריי געשיקט אויף לעבנסלענגלעכער קאַטאָר־גע אין אַ פֿעסטונג, וווּ ער, לאַנדאַו, אַ שווער־קראַנקער, האָט יעדן טאָג שיעור נישט אויסגעהויכט די נשמה.

אויך ער, דער מחבר פֿון „ווידוי״, האָט זיך „מודה געווען״, אַז ער האָט געגרייט אַ פֿאַרשווערונג קעגן דער סאָציאַליסטי־שער מלוכה, אַז ער איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַ „טראָצקיסט״, אַ „שפּיאָן״, אַ „דיוועוסאַנט״, אַן „אַגענט פֿון אימפּעריאַליזם״, אַ „יידישער בורזשואַזער נאַציאָנאַליסט״, אַ „ציוניסט״, אַ ״פֿאַרעטער״ פֿון סאָציאַליסטישן לאַנד. אויף איבער

450 זייטן דערציילט ער אונדז ווי אַזוי ער און די אַנדערע האָבן דאָס אַלץ גענומען אויף זיך.

ווער איז דער מחבר פון „ווידוי“, וואָס האָט זיך ווי אַלע אַנדערע מודה געווען צו די אַלע פאַרברעכנס?

אַרטור לאָנדאָן איז געבוירן געוואָרן אין 1915 אין דער טשעכישער אינדוסטריעלער שטאָט אָסטראָוו, אין אַ יידישער משפחה פון בעל־מלאכות. צו 14 יאָר איז ער אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער יוגנט, באַלד נאָך דעם, בעת אַ שטרייק, אַרעסטירט און געמשפט געוואָרן. ער באַקומט נישט קיין אורטייל צוליב זיין יונגן עלטער. אין גיכן ווערט ער דער אָנפירער פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט. צו 19 יאָר ראַטעוועט ער זיך קיין סאָוויעט־רוסלאַנד נאָכן האָבן דורכגעמאַכט תפיסה. צו 22 יאָר פאָרט ער קיין שפאַניע, ווו ער צייכנט זיך אויס מיט זיין מסירת־נפשדיקייט אין די שלאַכטן קעגן פראַנקאָס אַרמייען. — אגב איז ער אַ מחבר פון אַ בוך וועגן שפאַנישן בירגער־קריג. אַ מיטגליד אין דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פאַרטיי, איז ער בעת דער היטלעריסטישער אָקופאַציע געווען איינער פון די אָנפירערס פון דער פראַנצויזישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אַרעסטירט דורך דער געשטאַפאָ, האַלט ער אויס אַלע פייניקונגען ביי די אויספאָרשונגען. פאַר זיין האַרטנעקיקייט ווערט ער דעפאָרטירט אין שטראָף־לאַגער „נויע ברעמע“, פון דאַנען דערנאָך אין מאטהויזען־לאַגער, וואו ער ווערט דער אָרגאַניזאַטאָר פון דעם אונטערערדישן ווידערשטאַנד. שוין אַ קראַנקער, אַ שווער טובערקולאָזער, איז ער נאָך אַלץ אַ ביישפיל פון מוט, געוואַגטקייט און מסירת־נפשדיקייט.

אין 1949 קערט ער זיך אום אין זיין היימלאַנד, ווערט וויצע־אויסערן־מיניסטער פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער פאָלקס־רעפובליק. אין 1961 ווערט ער אַרעסטירט, אָדער ווי ער באַצייכנט עס אַליין — „געקידנעפט“, ווייל מ’האָט אים ערגעץ אין פראַג פאַרשטעלט דעם וועג, זעקס באַוואָפנטע פאַרשוינען האָבן אים אַרויסגעריסן פון זיין וואָגן, פאַרבונדן די אויגן, געשמידט אין קייטן און אַוועקגעפירט דאָרט, ווו עס הייבן זיך אָן געדרייטע פינצטערע לאַבירינטן. ערשט אין 1956 ווערט ער רעהאַביליטירט.

אין יענע געדרייטע, פינצטערע לאַבירינטן פירט אונדז איצט אַריין זיין בוך, וואָס לייענט זיך אי ווי אַ קרימינעלער ראָמאַן, אי צייטנווייז ווי קאַפקאַס פראָזע, דורכגעדרונגען מיט דער שוואַרצסטער וויזיע, אי ווי אַן אויפטרייסלענדיקער דאָקומענט.

איבערגעבן אויף קאַרגע בלעטלעך דעם מעכאַניזם פון יענער טייוול־מאַשין איז נישט לייכט, בפרט ווען עס גייט מיר איצט דער עיקר אין איין אַספעקט—דעם יידישן. מ’דאַרף אָבער פאָרט פריער ציטירן כאָטש עטלעכע שטעלן פון בוך, רעלאַציעס פון מחבר פון די ערשטע חדשים, ווען מ’האָט אים אין דעם איזאָלירטן, קאַלטן און ליידיקן תפיסה־קאַמער נישט אַראָפגענומען די קייטן פון די הענט, וואָס האָבן זיך אַריינגעשניטן אין לעבעדיקן לייב; אפילו נישט צום עסן און נישט צום דערליידיקן די פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן, ווען מ’האָט אים געצוווּנגען אין טאָרטורן־שיך שפאַנען דעם גאַנצן טאָג אין זיין איזאָלירטקייט און גאַנצע נעכט שטיין אויף די געשוואָלענע, אייטערדיקע פיס בעת די אויספאָרשונגען:

„דאָס נישט שלאָפן במשך פון וואָכן און חדשים דערפירט צו משוגעת־אַטאַקן, צו האַלוצינאַציעס, אויף וועלכע כ’בין כסדר אויסגעשטעלט. כ’הער אויף צו זיין דער באַלעבאָס פון מיין מוח, כ’האָב מורא, אַז אָט־אָט ווער איך משוגע. צייטנווייז פאַל איך אַריין אין אַ פולשטענדיקער פאַרטעמפטקייט און אַפאַטיע; מיינע באַוועגונגען און האַנדלונגען זיינען פון אַן אויטאָמאַט.“ און ווייטער: „כ’בין דורכגעגאַנגען די נאַצישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, די שווערסטע — נויע ברעמע און מאטהויזען, אָבער די דערנידערונגען, דראָאונגען, די קלעפ, דעם הונגער און דורשט זיינען קינדער־שפילן אין פאַרגלייך מיטן אַוועקנעמען סיסטעמאַטיש דעם שלאָף. די אָט גיהנומדיקע טאָרטורן ליידיקן אויס דעם מענטש פון יעטוועדן געדאַנק, מאַכן פון אים אַ חיה, וואָס איז



באַהערשט פון אַ לעבנס־אינסטינקט.“

און אָט נאָך אַ פאַרגלייך וועגן אומאויפהערלעכן שפאַנען אין קאַמער:

„כ’האָב דאָס דורכגעמאַכט אין שטראָף־לאַגער פון דער געשטאַפאָ אין נויע־ברעמע, נאָענט פון סאַארבריק. די מעטאָדע האָט מען דאָרט אָנגעוואַנדן אין סיסטעם פון דער נאַצישער פאַרטיליקונג. ס’איז געווען איידער מ’האָט מיך דעפאָרטירט קיין מאטהויזן. אָבער דאָרט האָט די שטראָף געדויערט פאַר מיר 26 טעג. דאָ האָט דאָס פייניקנדיקע שפאַנען געדויערט חדשים, און די פייניקונג איז געווען נאָך שאַרפער דערמיט, וואָס מ’האָט געמוזט האַלטן כסדר די הענט אויסגעצויגן אין דער לענג פון קערפער, געניי אויף די נעט פון די הויזן. ווען מ’איז געפאַלן פון דערשעפונג, האָט מען צוריק געשטעלט אויף די פיס מיט עמערס קאַלט וואַסער.“

אַרטור לאָנדאָן ספקט צי צום מודה זיין זיך האָבן מיטגעווירקט די ספעציעלע פילן, אַזעלכע, וואָס די נאַציס האָבן געגעבן וואַנדערלובען, וועלכער האָט זיך געהאַט אין זיין טעמפן וואַנזין מודה געווען, אַז ער האָט אונטערגעצונדן דעם רייכסטאַג. לויט אים זיינען אַזעלכע פילן דאָ נישט נויטיק געווען. פאַראַן מער ווירקזאַמע ראַפינירטע, אַכזריותדיקע מיטלען, און ער פרעגט זיך ווי דאָס איז מעגלעך געווען, אַז אין אַ לאַנד נישט קיין אָפגעשטאַנען, ווי די מזרח־אייראָפעאישע לענדער, „אין אַ לאַנד פון אַן אַלטער ציוויליזאַציע און אַלטער דעמאָקראַטיע“ זאָל מען אַזעלכע מיטלען אָנווענדן?

ענלעכע פראַגן האָט מען זיך געשטעלט נאָך אוישוויץ. אַ סברא, אַז קאָלאָדזשע, רוזין, פאַנקראַץ, מיט זייערע טייוול־מאַשינען קאָנען, פונקט אַזוי ווי אוישוויץ און מאטהויזן, אַנטשטיין אין הויך־ציוויליזירטע לענדער; אַ סברא, אַז נישט פון דער ציוויליזאַציע איז דאָס אָפהענגיק נאָר פון סיסטעם.

* * *

דער מחבר־עדות פון „ווידוי“ רעלאַציאָנירט נישט בלויז, ער שטעלט זיך אויך פראָבלעמען, פראַגן, אָבער נישט אַלע מאָל, דוכט מיר, געפינט מען דאָ אַן ענטפער. איז מיר איינגעפאַלן, נאָכן איבערלייענען דאָס אויפטרייסלענדיקע בוך, צו לאָזן זיך צום מחבר, כדי צו הערן פון אים דירעקט אַן ענטפער אויף דערשיינונגען, וואָס זיינען פאַר אונדז יידן איצט באַזונדער אַקטועל.

ווי באַקאַנט זיינען 11 פון די 14 באַשולדיקטע אויפן סלאַנסקי־פראָצעס געווען פון יידישער אָפשטאַמונג; כמעט קיינער פון זיי האָט מיטן יידישן לעבן דירעקט קיין פאַרבינדונג נישט געהאַט. אין די געדרייטע, פינצטערע לאַבירינטן און דערנאָך פאַרן „רעוואָלוציאָנערן“ טריבונאַל זיינען זיי דערשינען נישט סתם אַלס פאַרברעכער, ווי די דריי נישט־יידן, נאָר אויך ווי ציוניסטן, יידישע נאַציאָנאַליסטן, אַגענטן פון מדינת ישראל.

אַזוי אויסערלעך, פאַר דער וועלט. אין די פינצטערע לאַבירינטן האָט דאָס אויסגעזען נאָך אַ ביסל אַנדערש. נאָר לאָמיר בעסער הערן ווי דער קאָמענדאַנט פון דער זיכערהייטס־פאָליציי מיטן נאָמען סמאָלאַ האָט גערעדט צו אַרטור לאָנדאָנען האַלטנדיק אים ביים האַלדז:

„איר און אייער שמוציקע ראַסע, מיר וועלן וויסן ווי אַזוי אייך צו פאַרניכטן! איר זענט אַלע די זעלבע! אַלץ וואָס היטלער האָט געטאָן איז נישט גוט געווען, אָבער ער האָט אומגעבראַכט די יידן און דאָס האָט ער גוט געטאָן! צופיל פון אייך האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון די גאַזקאַמערן. דאָס וואָס היטלער האָט נישט פאַרענדיקט, וועלן מיר פאַרענדיקן.“ און קלאַפנדיק רציחהדיק מיטן פוס אין דער פאָדלאָגע: „צען מעטער אונטער דער ערד וועלן מיר אייך באַגראָבן, אייך צוזאַמען מיט אייער שמוציקער ראַסע!“

„דער אָט מענטש — שרייבט ווייטער לאָנדאָן — טראָגט אין קנאָפ־לעכל די אָפצייכענונג פון דער פאַרטיי. לעבן אים שטייען דריי אַנדערע אין אוניפאָרמען. איז דאָס מעגלעך צו באַגרייפן, אַז דער גייסט פון די „שוואַרצע־מאהניקעס“, דער גייסט פון די ס.ס.־מענער זאָל האָבן אויפגעלעבט אין אונדזערע אייגענע רייען. די־אָט מענטשן זיינען דאָך דורכגעדרונגען מיטן זעלבן גייסט ווי יענע, וועלכע האָבן אין 1941 דערשאָסן מיין ברודער זשאַן, דערפאָרטירט קיין אויש־

וויץ און געשיקט אין גאַזקאַמער מיין מוטער, מיין שוועסטער זשיליעט מיטן מאַן און צענדליקער אַנדערע מיטגלידער פון מיין משפּחה. פאַר די היטלעריסטן האָב איך אויסבאַהאַלטן מיין אָפּשטאַמונג, צי האָב איך דאָס געדאַרפט טאָן אויך אין מיין סאָציאַליסטיש לאַנד?“

דער מחבר שרייבט, אַז פון אָנהייב האָט ער געמיינט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אַן אויסברוך פון איינצעלנע פאַרשוינען, ווייל וועמען רעקרוטירט מען דען צו אַזאַ „פיינער אַרבעט“? ער האָט זיך אָבער גיך איבערצייגט, אַז דער גיפטיקער, ראַסיסטישער אַנטיסעמיטיזם שטאַמט פון אַן איינשטעלונג, ס'איז אַ סיסטעם. באַווייזט זיך אַ נייער נאָמען, הויבט מען אָן פאָרשן צי ס'באַהאַלט זיך נישט אויס אונטער אים אַ ייד: „ווי האָט ער פריער געהייסן? האָט ער נישט געטוישט דעם נאָמען זינט 1945?“ אויב ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ ייד, געפינט מען שוין אַ פּרעטעקסט אים אַריינצוציען אין דער בעץ און פאַר אַזאַ נאָמען גיט מען צו דעם ריטועלן עפּיטעט „ציוניסט“.

דאָס איז געווען אין 1951-52. איצט 17 יאָר שפּעטער, ווען איך לייען אין לאָנדאָנס בוך דעם געבראַכטן באַשולדיקונגס־אַקט, וואָס דער פּראָקוראָר האָט געלייענט אויפן פּראָצעס, קומט מיר אויס ווי איך וואָלט דאָ נישט לאַנג מיט מיינע אייגענע אויערן געהערט. זיינען דאָך אין פּוילן אין 1967-68 ביי אַנדערע אומשטענדן די באַשולדיקונגען קעגן יידן געווען אידענטיש די זעלבע, די זעלבע דעפיניציעס, די זעלבע סלאָגאַנען: „אינטערנאַציאָנאַלער ציוניזם, וואָס באַדראָט דעם וועלט־שלום,“ „אַגענטן פון ישראל,“ „אַגענטן פון אימפּעריאַליזם,“ „פרעמדע עלעמענטן.“ און אָט אַ פראַגמענט ווי איך וואָלט עס אַרויסגעלייענט פון דער פּוילישער פּרעסע: „ווען עס לאָזן זיך הערן פּראָטעסטן קעגן די ציוניסטן, הייבן זיי אָן הויך שרייען, אַז ס'לאָזט זיך אַראָפּ אויף זיי די געפאַר פון אַנטיסעמיטיזם“...

כ'האָב דאָ צומאָל געפונען אַ פאַרשווין אַן ענלעכן צו באָלעסלאַוו פּיאַסעצקי, דעם פאַר'מלחמה'דיקן פירער פון דער פאַשיסטישער פאַלאַנגע און איצטיקער רעדלפירער אין דער אַנטי־יידישער וואַקכאַנאַליע. דאָרט, בעתן סלאַנסקי־פּראָצעס איז דאָס געווען דער הויפּט־קאָמענדאַנט פון דער אויספאָרשונג, קאָדוטעק, אַ פאַר'מלחמהדיקער פּאָליציי־קאָמיסאַר, אַ ספּעציאַליסט אויפצודעקן קאָמוניסטישע טעטיקייט, דער פאַרטרויאונגס־מאַן פון די סאָוויעטישע ראַטגעבער, וועלכע רעזשיסירן די גאַנצע שפּיל הינטער די קוליסן. און אויך אַ ספּעציאַליסט אויף יידישע ענינים באַגעגענען מיר דאָ, אַ פרוי אַ יוריסט, וועלכע דעקלאַרירט זיך אויף אַ פאַרזאַמלונג מיט איר „ספּעציאַליטעט“.

אָט וועגן די אַלע ענינים, וואָס זיינען ווידער געוואָרן אַזוי אַקטועל, האָב איך זיך אין דער ערשטער ריי אונטערגעהאַלטן מיטן מחבר פון „ווידוי“.

„די הויפּט־סיבה פון דעם אַלעמען? צוליב וואָס.“ האָט ער איבערגעפרעגט, „אַ פשוטע זאַך, ס'איז אַן אויסגעפּרוווט אַלט מיטל פון באַשטימטע הערשער: ווען ס'גייט שלעכט, ווען זיי פאַרפּלאָנטערן זיך און קאָנען נישט לייזן זייערע פּראָבלעמען, מוז מען האָבן אַ שעיר לעזאזל„ דעמאָלט הייבט מען אָן שפּילן אויף די נידעריקסטע אינסטינקטן פון מענטשן. דער פאַשיזם האָט דאָס צומיינסטן אויסגענוצט. דאָ שטאַמט עס פון די פאַרקריפּלונגען פון דער דעגענעראַציע פון סאָציאַליזם, אַ מין אַליענאַציע. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָרט. היינט ווייסן מיר וואָס ס'זיינען געווען די מאָסקווער פּראָצעסן. פון דאָרט איז דאָס אימפּאָרטירט געוואָרן אין אַלע פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער. דערמאָנט אייך די יאָרן, ווען ס'איז פאָרגעקומען אין טשעכאָסלאָוואַקיע דער סלאַנסקי־פּראָצעס; אין אונגאַרן — דער ראַיק־פּראָצעס; אין בולגאַריע — קאָסטעוו; גרויסע אַרעסטן אין פּוילן; די יידישע דאָקטוירים — „מערדער אין ווייסע כאַלאַטן“ אין מאָסקווע. דאָס זיינען רינגען אין איין קייט. איצט פּוילן, אין אַנדערע אומשטענדן, אַנדערש אויסרעזשיסירט, אָבער די סיבות די זעלבע, דער קוואַל פון וואַנען דאָס שטאַמט, דער זעלבער — אַלץ איז געבונדן צווישן זיך.

„ווי וואָלט איר באַצייכנט דאָס וואָס קומט איצט פאָר אין פּוילן אין באַצוג צו די דאָרטיקע יידן?



„מ'קאָן דאָס אַנדערש נישט אָנרופן ווי פאַשיסטישע מעטאָדן. ס'איז פּיינלעך, אָבער מען מוז דאָס אָנרופן ביים נאָמען.“

צי זעט איר נישט קיין צוזאַמענהאַנג צווישן אַנטיסעמיטיזם אין אָט־די לענדער מיט דער פיינטלעכער שטעלונג צו ישראל?

— ס'פאַלט זיך צוזאַמען, אָבער מ'דאַרף דאָס נישט פאַראיינפאַכן. דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט דאָך אונטערשטיצט דאָס אַנטשטיין פון דער יידישער מדינה. די הגנה האָבן מיר אַ מאָל געהאָלפן שאַפן. איך געדענק גוט ווי ס'האָט אויסגעזען די אַקטיווע הילף פאַר דער הגנה אין טשעכאָסלאָוואַקיע גופא. נאָר וואָס דען? דעמלט איז דאָס געווען געוואָנדן קעגן ענגלאַנד. ישראל איז איצט מער נישט נויטיק אַרויסצושטויסן ענגלאַנד פון נאָענטן מזרח. פאַרקערט, איצט דאַרף מען זיך מאָביליזירן קעגן ישראל, כדי אַריינצודרינגען אין די אַראַבישע לענדער. אַ געוויינלעכע שפּיל פון אַ גרויסמאַכט. אין דעם פאַל אַן אומווירדיקע שפּיל: מען רעדט דאָך גלייכצייטיק וועגן אינטערנאַציאָנאַליזם, וועגן פעלקער־פאַרברידערונג. דערצו אַ געפערלעכע שפּיל: נאַסער קען נאָך אָפּטאָן אַ שפּיצל. אגב, זעט עס אויס, אַז מען הייבט אָן זיך אַרומצוקוקן, דאָס קאָן ברענגען ענדערונגען לגבי ישראל... וואָס שייך דער ישראלדיקער „אַגרעסיע“...

און דאָ מישט ער אויף אַ לאַנג קאַפּיטל, רעדט ווי אַ קענער אין צווישן פעלקערלעכע באַציאונגען:

„...דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט אַ מאָל אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער אַריינגעפירט אַ דעפיניציע וואָס דאָס באַדייט אַגרעסיע. זי האָט איר שטעלונג שטאַרק פאַרטיידיקט. ובכן, לויט איר אייגענער דעפיניציע קאָן מען פעסטשטעלן, אַז די אַגרעסאָרן זיינען די אַראַבישע לענדער און ישראל איז אין דער לאַגע פון לעגיטימער רעכט זיך צו פאַרטיידיקן מיט וואָפן. דאָס ווייסן זיי אגב זייער גוט, מאַכן זיך נאָר פאַרגעסן. אין דעם באַשטייט די אומווירדיקייט, דאָס אָפּטרעטן פון די פּרינציפּן פון סאָציאַליזם. מען באַנוצט זיך מיט אַלע מיטלען און דער ציל כשרט אַלע מיטלען.

— איז אויב אַזוי, ווי קאָן מען דאָס?...

ער האָט פאַרשטאַנען מיין פראַגע איידער כ'האָב זי פאַרענדיקט. נישט צום ערשטן מאָל שטעלט מען אים אַזעלכע פראַגן. אַרטור לאָנדאָן איז פאַרבליבן דאָס, וואָס ער איז געווען. לויט אים זיינען דאָס אַלץ שווערע פאַרקריפּלונגען, אַ שווערע חולאת פון וועלכער מ'דאַרף אויסהיילן דעם סאָציאַליזם, „געבן אים אַ מענטשלעך פּנים“, ווי מען רופט דאָס איצט אין טשעכאָסלאָוואַקיע.

דער שמועס האָט זיך לאַנג פאַרצויגן. מיר האָבן זיך אומגעקערט צו זיין בוך, צו די פראַגן אויף וועלכע כ'האָב נישט געפונען קיין ענטפער. דער מחבר האָט מיר נאָך איבערגעגעבן פּרטים. אַזוי, צום ביישפּיל, דערציילט ער מיר, אַז אַ סך פון די אויספאָרשערס, די אַזוי גערופענע „רעפערענטן“, האָבן באמת געגלייבט, אַז זיי פירן אויס אַ גרויסע אויפגאַבע לטובת דער פּאַרטיי, לטובת דעם סאָציאַליזם; די בלינדע געהאָרכזאַמקייט האָט געמאַכט פון אַזעלכע אויטאָמאַטן, וואָס פרעגן נישט, זוכן נישט צו פאַרשטיין.

צי זאָל אָבער בלויז דאָס האָבן דערפירט דערצו, אַז „דער גייסט פון די ס.ס.־מענער זאָל האָבן אויפגעלעבט אין די אייגענע רייען“ וועגן וועלכע לאָנדאָן דערמאָנט?

נאָכן אונטערהאַלטן זיך מיטן מחבר האָב איך נאָך אַ מאָל געבלעטערט דאָס בוך און קער זיך איצט ווידער אום צו מיינע ערשטע פראַגן: צי האָבן די באַשולדיקטע זיך אַמאָל נישט מודה געווען צו נישט באַגאַנגענע פאַרברעכנס אויך דערפאַר ווייל זיי האָבן אין זיך גופא דערפילט דעם אויסגעגראָבענעם פאַר זיי אָפּגרונט אַן אינערלעכע וויסטע פּוסטקייט אפילו דעמלט ווען זיי זיינען געווען ביים קלאָרן געדאַנק?

אָן אַ שיעור נאָך אַנדערע פראַגן רופט אַרויס דאָס אויפטרייסלענדיקע בוך און אפילו ווען דער מחבר פאַרענטפערט זיי נישט אַלע, איז זיין פאַרדינסט אַן אומגעהויערער דערמיט וואָס ער האָט זיי אַזוי אָפן־נאַקעט געשטעלט און מיט געוואַגטקייט אויפגעדעקט דאָס אַלץ וואָס רודערט אַזוי מיך אויף און רעגט אָן צו שטעלן פראַגן.

**שרה רבקה מילער** / שיקאַגאָ

## ניט קיין אויסגעטראַכטע מעשה

סעמי, אייער זון, איז שוין אַוועק אין קריג.
דאַכט זיך, ערשט אַרויס פֿון וויג,
און שוין אַ קריגער, שוין אַ מאַן,
און שוין פֿאַרוויקלט אין מלחמה־שפּאַן
קעגן אַ שונא וואָס הייסט וויעטקאָנג —
אַ פֿיינט וואָס ניט ער ווייסט אים, ניט ער קאָן.

זעט ער זיי, די הילפֿלאָזע,
איבערן שלאַכטפֿעלד אויסגעשפּרייט —
„טרופּן" דעפֿאָרמירטע, צוגעדעקטע
מיטן שאָטן אין דעם טאָל פֿון טויט.
און ער פֿילט ווי ער אַליין
וואָלט זייער מערדער דאָ געווען...
יאָ, אַזוי האָט סעמי עס געזען.

האָט איר אַ מאָל געזען אַ צוויי־יאָריק קינד
פֿאַרוואָרלאָזט אין אַ בלאָטע אויסגעצויגן ?
און פֿון דעם קאָפּ פֿון אייער פֿריינד
זאָל רינען בלוט פֿון מויל און פֿון די אויגן ?
האָט איר אַ מאָל געפֿילט דעם שונא אַזוי נאָענט,
אַזוי ניט ווייט פֿון אייך אַוועק ?

אָדער אַן אַלמנה אַליין נאָך אַזאַ יונגע
זאָל אויסגיין נאָך איר מאַן
פֿון בענקען און פֿון שרעק ?
האָט איר אַ מאָל געטראַכט : פֿאַר וואָס אַזוי פֿיל
שנאה, האַס, זאָל אין דער וועלט געשען ?
סעמי האָט אַזוי געפֿילט, אַזוי געזען !

האָט איר אַ מאָל געהערט פֿאַרצווייפֿלטע געשרייען,
וואָס אויסלייזן דעם אומגליקלעכן
האָט נאָר געקענט דער טויט ?
האָט איר אַ מאָל געפֿילט ווי איר וואָלט
פֿאַר יענעם שטאַרבן אַליין זיין גרייט ?



האָט איר אַ מאָל געהאַט אַ שאַנד־געפֿיל,
וואָס איר לעבט דאָרט ווי אין גן־עדן
בעת דאָ פֿאַרגייען יונגע לעבנס
אונטער גיהנומס שווידער־ליידן ?
זיי האָבן דאָ געקעמפֿט, געחלומט נאָך אַ פֿרידן,
ווי פֿרידן וואָלט גאָר קיין מאָל ניט געווען.
סעמי האָט אַזוי געפֿילט,
אַזוי האָט סעמי עס געזען.

איר דאָרט — דער סימבאָל פֿון פֿאַרגעניגן,
אייער טיש — פֿון אַל דאָס גוטס געגרייט,
און דאָ מענטשן גייען אויס פֿון הונגער,
און שטאַרבן אַ מיזערנעם גרויל־טויט
אין אַ לאַנד וווּ אין דעם דזשונגל
באַפֿאַלן זיי איינס דעם צווייטן
אומצוברענגען גרייט.

דאָך האָפֿן דאָ די מענטשן, און קעמפֿן פֿאַר אַ לעבן
וואָס זיי אַליין האָבן דאָך נאָך ניט געלעבט !
אויך אייער סעמי האָט צו דעם געשטרעבט,
און שלום ברענגען האָט ער זיך געגרייט,
נאָר ניט דערלעבט האָט ער דעם פֿרידן —
אויך סעמי איז שוין טויט...

---

**פֿון דער רעדאַקציע:** די מחברין פֿון אָט דעם ליד איז אַן עלף־יאָריק קינד, אַן אייניקל פֿון דזשוליוס און בערטאַ מילער. ס'איז איבערזעצט פֿון ענגליש פֿון ז. בוניך.

# נייע ביכער

## אַנטאָלאָגיע פון חורבן־ליטעראַטור

ANTOLOGY OF HOLOCAUST LITERATURE, edited by Jacob Glatstein, Israel Knox, Samuel Margoshes; Associated Editors: Mordecai Bernstein, Adah B. Fogel. The Jewish Publication Society, 1969, 412 pp, $10.00.

אין דער אַנטאָלאָגיע זיינען צוזאַמענגעבראַכט די פּרטים פון אונדזער גרויסן חורבן אין אייראָפּע דורך די דייטשן ימח שמם, ווי זיי זיינען פאַרצייכנט געוואָרן פון מענטשן וואָס זיי אַליין זיינען געווען אַריינגעטאָן אין דאָזיקן גורל, אייניקע ווי קרבנות און די אַנדערע ווי עדות.

אין זיין הקדמה צום בוך שרייבט ד״ר עזריאל נאקס: „איך שלאָג זיך מיט דער דעה צי דער נאָמען אַנטאָלאָגיע פּאַסט זיך צו פאַר אָט דעם בוך. אַן אַנטאָלאָגיע איז אַ זאַמלונג פון בלומען, אַ זאַך פון פרייד און שיינקייט; ס׳איז אויסן כולל צו זיין דאָס בעסטע פון אַ ליטעראַרישן, קינסטלערישן אָדער אינטעלעקטועלן זשאַנער. אויב אָט די איינזאַמלונג באַשטייט פון בלומען, דעמלט פּאַסט זיך פאַר דעם באָודלעירס בוך־טיטל — בלומען פון שלעכטס; ניט ווי אַן אָנווייז אויף די שרייבערס פון אָט די זאַכן, נייערט ווי די אָפּגלאַנץ פון דעם טראַגישן אינהאַלט פון וואָס זיי דערציילן.

„אָבער דאָס וואָלט ניט געווען אין גאַנצן ריכטיק. שלעכטס איז דאָ באמת, אַ פינצטערניש פון רשעות וואָס איז אַזוי געדיכט, אַז קיין שום ליכט קען זי ניט דורכדרינגען; שלעכטס וואָס איז אַזוי טיף און אַזוי פאַרדאָרבן, וואָס קיין שום באַריכט און קיין שום פאָרשטעלונג קען וועגן דעם קיין באַגריף ניט געבן. עטוואָס פון אָט דעם שלעכטס, אָדער לכל הפחות אַן אָנצוהערעניש אויף דעם, אויף אַזוי פיל אויף וויפל שפּראַך איז ביכולת אויף דעם אָנווייזן און דאָס אויפדעקן, איז איינגעזאַמלט אין אָט דער אַנטאָלאָגיע. אָבער דאָס איז ניט אַלץ: דאָ געפינט זיך אויך גוטסקייט, אַלערליי פאָרשטעלונגען פון גוטסקייט — פון די קוים־מערקבאַרע ביז די פאַרטיפטע, ביז גרייטקייט זיך זעלבסט מקריב צו זיין, ביז מסירת נפש. אַחוץ גוטסקייט, אָדער אפשר ווי אַ באַשטאַנדטייל פון דעם, איז דאָ אויך דער עפּאָס פון גבורה און מוט, אַזאַ מוט וואָס אונדזער ציוויליזאַציע איז ניט שטענדיק מרוצה אָדער פעאיק אויפצונעמען.״

די אַנטאָלאָגיע איז איינגעטיילט אין זיבן טיילן:

1) אַ הקדמה פון ד״ר עזריאל נאקס;
2) אָקופּאַציע, אַקציעס, סעלעקציעס;
3) דאָס לעבן אין די געטאָס;
4) קינדער;
5) קאָנצענטראַציע און מאָרד לאַגערן;
6) ווידערשטאַנד;
7) די ניט־יידן.

באַלד ביים אָנפאַנג בוך ווערט אָנגעגעבן, אַז —

„אַ ברייטהאַרציקע סובסידיע פון וויליאַם (וועלוול) שאָר פון לאָס אַנגעלעס — אַ באַשיידענער אָבער איבערגעגעבענער פריינד פון יידישער קולטור אין יידיש און העברעיש — אין אָנדענק פון זיין פרוי ליזאַ שאָר ע״ה און אין זיין אייגענעם נאָמען, האָט געשאַפן די מעגלעכקייט אָנצופירן די פאָרש־אַרבעט און צו איבערזעצן די אַריינגענומענע מאמרים וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין פאַרשיידענע לשונות. אָן אָט דער סובסידיע וואָלט אָט די אנטאלאָגיע ניט פאַרטראַכט געוואָרן און וואָלט ניט דורכגעפירט געוואָרן.״

נאָך דעם ווי דאָס בוך איז דערשינען, האָט וועלוול (ווילי) ש א ר געמאַכט



אַ נסיעה קיין ניו־יאָרק און פון דאָרט קיין ישראל. אין ניו־יאָרק האָט דער יידישער קולטור־קאָנגרעס אים אויפגענומען מיט אַ גרויסאַרטיקן קבלת פנים, אונטערן פאָרזיץ פון יעקב גלאַטשטיין און מיט באַגריסונג־רעדעס פון חיים בעז, י. י. שוואַרץ, א. אַלפּערין, ש. אַפּטער, שרה דזשעקלין און חיים לייב פוקס.

אין זיין ענטפער אויף די באַגריסונגען האָט וועלוול (ווילי) שאָר איבערגעגעבן אייניקע פּרטים ווי אַזוי און פאַרוואָס ער פירט אָן זיין טעטיקייט לטובת דער יידישער קולטור און ליטעראַטור. כדאי דאָ צו פאַרצייכענען אייניקע פון די דאָזיקע פּרטים:

„מיט אַ היפּשער צאָל יאָרן צוריק,״ האָט וועלוול שאָר געזאָגט, „האָב איך און מיין ליבע פרוי ליזאַ ע״ה, מקבל פנים געווען ביי אונדז אין הויז דעם זייער חשובן גאַסט פון ניו־יאָרק, ד״ר ש. מאַרגאָשעס, וואָס איצט, צום באַדויערן, דאַרף מען שוין זאָגן: ע״ה. דענסטמאָל, שמועסנדיק מיט אים, איז געקומען צו רייד וועגן אונדזער חורבן־ליטעראַטור, און איך האָב דערביי באַמערקט, אַז ס׳וואָלט געווען וויכטיק אַרויסצוגעבן אַן אַנטאָלאָגיע אויף אָט דער טעמע, און דווקא אין ענגליש, אַזוי אַז סיי די אַמעריקאַנער און סיי די יידישע יוגנט זאָל עס קענען לייענען און שאַצן.

„דערביי האָב איך אָנגעמערקט צו ד״ר ש. מאַרגאָשעס, אַז איך האָב אַן אָפּגעשפּאָרטע סומע פון עטלעכע טויזנט דאָלער, וואָס איך וואָלט בייגעשטייערט בכדי צו פינאַנצירן אָט די אונטערנעמונג, און אויב עס וועט זיך נייטיקן מער געלט וועל איך עס דערלייגן.

„דער ענטפער פון ד״ר מאַרגאָשעס איז געווען, אַז ער קען זיך יאָ אונטערנעמען צוזאַמענצושטעלן אַזאַ אַנטאָלאָגיע; ער וועט עס טאָן אָן געצאָלט, אָן האָנאָראַר; ער וויל אָבער האָבן צו זיך נאָך צוויי רעדאַקטאָרן, און ער רעקאָמענדירט אַז זיי זאָלן זיין יעקב גלאַטשטיין און פּראָפ׳ עזריאל נאַקס.

„די לעצטע, זיי צו לאַנגע יאָר, האָבן מסכים געווען מיטצואַרבעטן מיט ד״ר ש. מאַרגאָשעס, אויך אָן האָנאָראַר, און אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן אָט־די אַנטאָלאָגיע.

„אין צווישן צייט איז אַוועק אין דער אייביקייט מיין ליבע פרוי, מיין לעבנס־באַגלייטערין, מיין טייערע ליזאַ ע״ה, און איך בין געבליבן עלנט, אַליין.

„האָב איך זיך באַטראַכט: אויף מיינע עלטערע יאָרן, אין מיין עלנט — צו וואָס דאַרף איך געשעפט?... צו וואָס דאַרף איך אַ גרויסע הויז?... אמת, איך האָב אַ זון, אָבער אים דאַרף איך ניט פאַרזאָרגן. ער האָט זיך אַליין פאַרזאָרגט. לאָמיר זיך בעסער ווידמענען צו אייביקייט... און אייביקייט איז יידישע ליטעראַטור, יידישע קולטור — און אין דעם געפינען טרייסט אין מיין עלנט און אינהאַלט אין מיין קיום — אויף וויפל קיום איז מיר נאָך באַשערט.

„האָב איך טאַקע אַזוי געטאָן: איך האָב פאַרקויפט מיין געשעפט און מיין הויז און איך ווידמע אַלע מיינע כוחות און אַלע מיינע פינאַנציעלע אָפּשפּאָרענישן פאַרן וווילזיין פון יידישע שרייבערס, פאַר יידישער ליטעראַרישער שעפערישקייט, פאַרן אויפקום פון יידיש אין דער יידישער מדינה, באַזונדערס פאַרן ה. לייוויק־הויז.

„און איצט ביי אונדזער באַגעגעניש דאָ אין ניו־יאָרק, ווינטש איך אייך אַלעמען, ליבע פריינד פון דער יידישער שרייבער־ און קולטור טעטיקייט־משפּחה, אַז גאָט זאָל אייך בענטשן מיט געזונט, און אַז אויך איר אַלע, אַזוי ווי איך איצט, זאָלט דערלעבן צו פייערן אייערע 85־יאָריקע געבוירנטעג און יעדער איינער פון אייך זאָל ממשיך זיין זיין לעבנס־מאַרשרוט אויך אויף ווייטער און ווייטער און מיר אַלע זאָלן דערלעבן שלום אויף דער וועלט און שלום אין אונדזער אייגענער ישראל מדינה.״

* * *

## ניי בוך לידער פון פעסיע פּאָמעראַנץ־האָניגבוים

וועגן אָט דעם בוך לידער און וועגן זיין מחברין בכלל וועט, האָפן מיר, אין „חשבון״ נאָך פיל געשריבן ווערן. דאָס איצטיקע בוך: „פון אַלע מיינע לידער,״ איז צו אונדז אָנגעקומען צו שפּעט אַז

מיר זאָלן עס קענען גענוי באַהאַנדלען. דערווייל קענען מיר בלויז פאַרצייכענען, אַז דאָס בוך איז דערשינען אין ישראל, אין פאַרלאַג „חיפה", און אַז ביז איצט האָט די דיכטערין שוין אַרויסגעגעבן פיר אַנדערע ביכער זאַמלונגען: „קאָרעלן", „געקליבענע לידער", „רויטער טוי" און „רגע'ס פון גענאָד." אין דעם בוך, ווי די דיכטערין דערציילט אין דעם איינלייטונג, גייען אַריין: „לידער נייע, נאָך ניט געדרוקטע און לידער געדרוקטע אין פאַרשיידענע זשורנאַלן וואָס זיינען נאָך ניט אַריין אין בוך־פאָרעם, ווי אויך אַן אָפּקלייב פון די פריערדיקע לידער־ביכער מיינע."

אָבער פאַר אונדז לייענערס איז ניט וויכטיק פון וואַנען און פון ווען עס שטאַמט אָט־די לידער־זאַמלונג, נייערט דאָס געפיל פון הנאה און אויפרעג וואָס אָט די לידער רופן אַרויס אין אונדזער געמיט. און אין שייכות מיט דעם איז פאַר אונדז גענוג בלויז אָנצווייזן וואָס די דיכטערין באַטראַכט פאַר ליד. זי שרייבט אין איר בוך (און לייענענדיק אירע לידער זיינען מיר מיט איר מסכים) אַז —

אַ ליד איז אַ תפילה צו גאָט,
אַן אַקאָרד פון טרויער און בענקשאַפט,
שרעק פאַר אַ וואַקלדיקן טראָט,
צער'פולע אויגן אין געדענקשאַפט.
אַ ליד איז אַ בליץ פון געדאַנק,
אַ פלאַטער פון כישוף און שיינקייט,
אַן אונטערגעהאַקטער פאַרלאַנג
און פון קינדערשע אויגן—די ריינקייט.

* * *

## „מיין טרויער-ליד"
## פון שמאַי וואַקס

שמאַי וואַקס איז אונדזערער אַ בן־עיר און איצט האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער—„מיין טרויער-ליד," וואָס איז ווערט פאַרצייכנט צו ווערן.

דער מחבר פונעם בוך דערציילט וועגן זיך, אַז ער שטאַמט פון ראַדאָם, פוילן, איז דורכגעגאַנגען אַלע מדורי גיהנום פון די דייטשן ימח שמם וזכרם און אַז זיין גאַנצע משפחה איז אין דער צאָל פון די זעקס מיליאָן קדושים וטהורים פון אונדזער גרויסן חורבן. פאַר וואָס שרייבט ער, און דווקא לידער און ניט פּראָזע ? אויף דעם גיט ער אַן ענטפער, הגם ניט דירעקט, אין איינעם פון זיינע לידער:

עס שרייט צו מיר מיין וואָרט
מיט אַ הילכיק קול:
ווי לאַנג וועסטו נאָך וואַרטן ?
גיב מיר אַ תיקון
און לאָז מיך אַרויס אין דער וועלט
ווו איך געהער.

און זיין „וואָרט שרייט צו אים" — אפילו צו זיין אייגענער טאָכטער (געשריבן אין דעטראָיט אין 1949) בזה הלשון:

ווען מיין טאַטע וואָלט געלעבט
און ער וואָלט געהאַט די זכיה
אַ זיידע צו ווערן,
וואָלט דיין פרייד געווען גרויס
און דערגרייכט ביז צום הימל
און די שטערן.

**און אַזוי וואָלט אויך געווען גרויס די פרייד פון זיין מאַמע ווען „זי וואָלט געהאַט די זכיה אַ באָבע צו ווערן"—**

אָבער זיי האָבן ניט געהאַט די זכיה,
און צו אונדזער צער איז ניטאָ
קיין טרייסט
און ניטאָ קיין רפואה.
פול מיט פיין איז אונדזער האַרץ
פון בענקען און איבערקלערן,
און אָנגעפילט זיינען אונדזערע אויגן
מיט ניט אויסגעוויינט עטרערן.

**יאָ, אמת, „צו אונדזער צער איז ניטאָ קיין טרייסט און ניטאָ קיין רפואה."**

ניט לאַנג דערשינען דאָס בוך:
**„מיין טרויער-ליד"**
**פון שמאַי וואַקס**
צו באַקומען ביים מחבר:
SAM WAKS, 2054 N. Dracena Dr.
Los Angeles, Calif. 90027
אָדער צום „ציקאָ" פאַרלאַג:
CYCO, 25 E. 27th St., New York, N. Y. 10021.



# אין און אַרום דעם ל. א. יידישן קולטור־קלוב

## א. — „גולם" פון ה. לייוויק אויפגעפירט אין קלוב

דער ל. א. יידישער קולטור קלוב האָט דעם פאַרגאַנגענעם זמן אַראַנזשירט אַ רעציטאַציע־טעאַטער אָוונט. עס איז אויפגעפירט געוואָרן „דער גולם", די דראַמאַטישע פּאָעמע אין 8 בילדער פון ה. לייוויק.

מיט דער דאָזיקער אויפפירונג האָט דער קלוב דערגרייכט אַ הויך־קולטורעלע מדרגה. דאָס וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ווי אַ טעאַטראַלישער עקספּערימענט פון דעם שוישפּילער און רעציטאַטאָר אליהו טענענהאָלץ, דעם פּרעזידענט פון קלוב, האָט זיך פאַרענדיקט ווי אַן אַרטיסטישע לייסטונג.

אָנגעהויבן האָט זיך דער אָוונט מיט אַן אַריינפיר דורך דעם וויצע־פּרעזידענט פון קלוב, שלמה צוקערמאַן, וועלכער האָט פאָרגעשטעלט יעדן איינצעלנעם פון די באַטייליקטע שוישפּילער. דערנאָך האָט ער געגעבן דאָס וואָרט צום רעזשיסער פון דער אויפפירונג, אליהו טענענהאָלץ, וועלכער איז געווען אויך דער וואָס האָט קאָנדענסירט די דראַמאַטישע פּאָעמע אויף אַזאַ אופן, אַז איר תמצית און אירע הויכפּונקטן זאָלן בולט אַרויסקומען.

דער ליטעראַרישער אַריינפיר פון א. טענענהאָלץ איז געווען אַן אויפטו. צו פאַרמיטלען אין געציילטע מינוטן און אויף אַן אַלגעמיין פאַרשטענדלעכן און פּאָפּולערן אופן די טיפע סימבאָליק, די אָפּגרונטיקע סודות און מיסטישע רמזים פון לייוויקס פּיעסע. א. טענענהאָלץ האָט מסביר געווען דעם אידעישן תמצית פון דער פּיעסע, דהיינו, צי מעג מען, צי טאָר מען באַקעמפן רשעות מיט רשעות און בלוט — מיט פאַרגיסן בלוט. מען מוז לחלוטין נישט מסכים זיין מיט לייוויקס גירסא און זיין לייזונג, וואָס דאָס איז בכלל אין די איצטיקע טעג אַ שווערע הלכה. טענענהאָלץ האָט אָבער מיט זיין אינטערפּרעטאַציע לכל הפּחות באַקענט דעם עולם מיט די השגות, וואָס לייוויק האָט געהאַט.

אַז דער פאָרהאַנג האָט זיך פונאַנדערגערוקט האָט דאָס בינע־בילד גופא געמאַכט אַן עסטעטישן איינדרוק. אַרום אַ לאַנגן טיש, באַדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך זענען געזעסן אין אַ באַשטימטן, גענוי פאָרגעזעענעם סדר די רעציטאַטאָרן־שוישפּילער. אין דער מיט די צוויי הויפּט־ראָלן, דער מהר"ל, געשפּילט פון אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו, און לעבן אים זיין קעגנשפּילער, דער „גולם", געשפּילט פון זיגמונד לעוו. רעכטס פון זיי, די רביצין, פּערזאָנאָפיצירט דורך שרה טייטלבוים און דבורהלע, איר אייניקל, געשפּילט פון נעמי פּאָלאַק, און תנחום, פאַרטרעטירט פון משה מאַנדעלבוים. לינקס פון די צוויי פירנדיקע ראָלן זיינען געזעסן „טאַדעאוש" און דער „שמש", געשפּילט פון יוסף שראָגין און בען וועבער.

א. טענענהאָלץ האָט פיגורירט אין דער זייט פון דער בינע ווי דער נאַראַטאָר און האָט פאַרבונדן די איינצלנע טיילן פון דער קאָנדענסירטער פּיעסע און אַזוי אַרום געמאַכט פון די חלקים אַ גאַנצקייט.

אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו האָט אין זיין שווערער ראָלע פּערזאָנאָפיצירט אויף אַ דראַמאַטישן און דערשיטערנדיקן אופן די אינערע קאַמפן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין דער נשמה פון אַ טיף־גלייביקן ייד, אַ גרויסן תלמיד־חכם און בעל־קבלה, וואָס איז געוואָרן אַ שם־דבר ביי יידן. מ'האָט ממש געזען די פּיין און דעם אינערלעכן צער סיי אין זיינע רייד, סיי אין דער מימיק.

זיגמונד לעוו, ווי דער „גולם", האָט געליפערט אַ שפּיל מיט וועלכער ער וואָלט זיך געקענט באַווייזן אויף יעדער בינע. דער „גולם" איז איינער פון די שווערסטע ראָלן, וואָס מען קען זיך בכלל משער זיין. די שוועריקייט ליגט דערהויפּט אין ווידערגעבן דעם פּאַטאָס פון אַפּאַטיע, דאָס געפיל פון נישט פאַרמאָגן קיין געפיל. יעדער וואָרט זיינס האָט גע־

# ב. — אַן אָונט לכבוד דער דערשיינונג פון ז. זילבערצווייגס נײַ בוך

דער אָונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן לכבוד דעם נאָר וואָס דערשינענעם בוך פון דעם באַוווסטן טעאַטער־לעקסיקאָגראַף, שריפטשטעלער און חשובן מיטגליד פון קלוב, זלמן זילבערצווייג. דאָס בוך, וואָס באַהאַנדלט אַ גרויסע טעאַטער־עפּאָכע פונעם פּאַרשניטענעם פּוילישן יידנטום, איז אַרויס אונטער דעם נאָמען: „די וועלט פון אסתר רחל קאַמינסקאַ.״ צו דעם אָוונט זיינען געקומען, ווי געסט, אסתר רחל קאַמינסקאַס טאָכטער, אידאַ קאַמינסקאַ און איר מאַן, מאיר מעלמאַן, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען אין ל. א.

אין זאַל האָט געהערשט אַ יום־טובדיקע שטימונג און דער אָוונט האָט געהאַט די גרעסטע צאָל באַזוכער אין דעם זמן.

דעם פאָרזיץ האָט געפירט זיגמונט לעוו, אַליין אַ שוישפּילער און רעציטאַטאָר. ער האָט באַגריסט די חשובע געסט און דערנאָך געשילדערט די ליטעראַרישע און היסטאָריאָגראַפישע טעטיקייט פון דעם מחבר פונעם בוך, ז. זילבערצווייג, וועלכער איז צענדליקער יאָרן זיך מתעסק מיט דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און האַלט איצט שוין ביים זעקסטן באַנד פון זיין „טעאַטער־לעקסיקאָן.״

דערנאָך איז אַרויסגערופן געוואָרן צום וואָרט דער מחבר פונעם בוך, ז. זילבערצווייג. ער האָט גערעדט וועגן דער עפּאָכע פון אסתר רחל קאַמינסקאַ און האָט דערקלערט, אַז קיין פול און אָפּגעשלאָסן בילד פון יענער עפּאָכע קען מען נישט געבן אין דער צוגעמאָסטענער צייט פון אַזאַ אָוונט, בפרט נאָך, אַז דער עולם וואַרט מיט אומגעדולד צו הערן די חשובע געסט, אידאַ קאַמינסקאַ און מ. מעלמאַן.

ער האָט זייער קורץ סקיצירט יענע עפּאָכע אין יידישן טעאַטער, וועלכע איז אויפגעלויכטן געוואָרן דורך אסתר רחל קאַמינסקאַ. זיין רעדע איז געווען אַ האַרציקער, פּערזענלעכער טריבוט פון דעם ביאָגראַף צו דער העלדין פון זיין ביאָגראַפיע.

דערנאָך האָט דער פאָרזיצער אַרויסגערופן מאיר מעלמאַנען צו אַדרעסירן דעם עולם, און נאָך זיין קורצער באַגריסונג האָט מאַדאַם צילע זילבערצווייג, די פרוי פון יובילאַר און אַליין אַ לאַנגיאָריקע שוישפּילערין, האַרציק באַגריסט די געסט און אויסגעדריקט איר בטחון אַז עס דאַרף און וועט מיט דער צייט געבויט ווערן אַ יידיש טעאַטער אין אַמעריקע.

דער פאָרזיצער, זיגמונט לעוו, האָט דערנאָך געגעבן דאָס וואָרט צו אידאַ קאַמינסקאַ, די טאָכטער פון אסתר רחל קאַמינסקאַ, וועגן וועמען ז. זילבערצווייג האָט אָנגעשריבן דעם פריער דערמאָנטן בוך.

---

לאָזט פילן, אַז דאָ שטייט אַ משונהדיקע, קונציק באַשאַפענע בריאה. אין אים איז דער טויטער ליים געוואָרן לעבן און דאָרט וואו דאָס לעבן האָט צייטנווייז געוואָלט אויפפלאַקערן, איז עס צוריק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טויטן ליים. די דאָזיקע מאָמענטן האָבן זיך אויך אָפּגעשפּילט אין זיין האַלב מטושטשן שמייכל פון אַ גוף אָן אַ נשמה, דעם שמייכל פון אַ גולם. הגם זיין דיקציע איז שטענדיק געווען קלאָר און דייטלעך, איז דאָס אָבער געווען דער מין קלאָרקייט, וואָס קומט פון אַ מעכאַנישן אַפּאַראַט, אַ קאָמפּיוטער מיט אַ סך שרייפּעלעך, נאָר אַ נפש.

די רביצן, שרה טייטלבוים, האָט פאַרכאַפּט דעם עולם מיט איר שוישפּיל. עס איז געווען אַ נחת צו הערן אירע נאַטירלעכע און נישט געקינצלטע רייד, וואָס גראָד דערמיט האָט זי געווירקט איבערצייגנדיק. משה מאַנדלבוים האָט זיך געהאַלטן אין דער באַשיידנקייט, וואָס זיין ראָלע האָט אים פאָרגעשריבן. יוסף שראָגין, אין זיין אומדאַנקבאַרער ראָלע פון אַ גוי, אַן אַנטיסעמיט, מוז מען זיין דאַנקבאַר, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען צו שפּילן די ראָלע. אויך בען וועבער האָט זיך געהאַלטן אין דער מעלה. נעמי פּאָלאַק האָט אויסגענומען מיט איר טאַלאַנט.

י. ש. ט.



אין איר שילדערונג פון איר מוטער האָט אידאַ קאַמינסקאַ נישט אַזוי באַטאָנט אסתר רחל ווי אַ שוישפּילערין, נאָר ווי „די מוטער אין דער היים״, אסתר רחל ווי אַ מאַמע. בינע און מאַמע — די דאָזיקע צעשיידונג, די דאָזיקע שפּאַלטונג לאָזט זיך נישט איינהאַלטן, מחמת אויף אַ פּסיכאָלאָגיש העכסט אינטערעסאַנטן אופן האָט זיך ביי דער טאָכטער פאַרמישט און פאַרבונדן די היים מיט דער בינע, נאַטור און קונסט, די מאַמע מיט דער אַקטריסע. איר מאַמעס שפּיל איז געווען עכט ווי דאָס לעבן און דאָס לעבן אירס איז געווען שטענדיק דורכגענומען מיט אַזאַ שפע פון געפיל און ליבשאַפט, ווי מען קען עס טאַקע נאָר געפינען אין די קאָנצענטרירטע און קאָנדענסירטע סצענעס פון אַ בינע. פאַר אידאַ קאַמינסקאַ זענען דעריבער די צוויי עלעמענטן געווען אַ נישט צו צעטיילנדיקע איינהייט, אַ צונויפגעשמאָלצענער אַמאַלגאַם, אַ גאַנצקייט. פאַר איר איז איר מאַמע געווען, ווי זי האָט עס באַצייכנט מיט אַ טרעפלעכן וואָרט, אַ „שפּילנדיקע מאַמע.״

איינצלנע עפּיזאָדן וואָס זי האָט דערמאָנט, זענען געווען דורכגענומען מיט אַ סך הומאָר, נאָר מיט אַ הומאָר פון יענעם מין, וואָס מען שמייכלט דערביי מיט טרערן, אָדער מען וויינט דערביי מיט אַ שמייכל.

אַזוי האָט זי, למשל, אַמאָל געשפּילט די ראָלע פון אַ יונג ווייבל, ביי וועלכער אסתר רחל האָט צוגענומען איר מאַן. דאָ איז די מאַמע געוואָרן אַ ריוואַלין אין דער ליבשאַפט. אין אַ געוויסן דיאַלאָג האָט זי געדאַרפט מסביר זיין איר ריוואַלין די „געזעצלעכע רעכט״, וואָס זי האָט אויף איר מאַן. קוקנדיק איר דערביי טיף אין די אויגן אַריין, האָט זי אויסגעשריגן, ווי די ראָלע האָט עס איר פאָרגעשריבן: „און אַז איך וויל קען איך דיר אפילו געבן אַ פּאַטש!״ דאָס איז געווען אַ קולמינאַציע אין דער פאַרמישונג פון לעבן און שפּיל, פון בינע און רעאַליטעט. דאָס לעבן האָט געפאָדערט דרך־ארץ פאַר דער מאַמען און דאָס שפּיל האָט פאַרלאַנגט חוצפה צוליב אייפערזוכט. נאָך יענע ווערטער האָבן זיך ביידע פרויען אָנגעקוקט מיט אַ שווער צו אַנאַליזירנדיקן בליק, אַ בליק, וואָס האָט אפשר מגלה געווען די עסענץ פון שפּילן טעאַטער. פאַרשטייט זיך, אַז דערנאָך און הינטער די קוליסן האָבן ביידע פרויען געהאַט פון וואָס שטאַרק צו לאַכן.

מען האָט זיך דערוווסט פון דעם גרויסן פּשטות פון אסתר רחלען און פון איר אומבאַגרענעצטער גוטסקייט. אויב מען האָט זי, למשל, באַליידיקט, האָט זי עס שטענדיק אָנגענומען פאַר ליב און האָט דערויף געהאַט איר אייגענעם פּירוש: „ס'איז צוויי זאַכן: ערשטנס, קען מען פון קיינעם נישט פאַרלאַנגען קיין כבוד, און צווייטנס איז מעגלעך, אַז יענער האָט פּשוט נישט קיין שכל. און צו די צוויי זאַכן איז נישטאָ קיין עצה.״..

די הונדערטער מענטשן, וואָס זענען געקומען צו הערן און צו ערן אידאַ קאַמינסקאַ און דעם מחבר ז. זילבערצווייג, זענען אַוועקגעגאַנגען אין אַ דערהויבענער שטימונג.

דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב האָט מיט דעם דאָזיקן אָוונט ווידער אַ מאָל באַוויזן די וויכטיקייט, דאָס חשיבות און די לעבנסקראַפט פון זיין עקזיסטענץ ווי אַן אמתער יידישער קולטור־צענטער ביי די מערב־ברעגעס פון אַמעריקע.

י. ש. ט.

---

די נייע ביכער פון

## א. גאָלאָמב

## „אייביקע וועגן פון אייביקן פאָלק״
## און
## „צווישן תקופות״

קען מען נאָך קריגן פון מחבר:

A GOLOMB, 1241 N. Harper
Los Angeles, Calif. 90046
Telephone: 654-8712

איך, ווילי שאָר

באַגריס ווילי שאָר

צו זיין

פינף און אַכציקסטן געבוירנטאָג

און צו אַלע מיינע פריינד און באַקאַנטע ווינטש איך —

זיי זאָלן אויך דערגרייכן מיין געבוירנטאָג

און פון דענסטמאָל אָן לאָמיר שפּאַנען אַלץ ווייטער און ווייטער, און זיין געזונט, אָמן!

מיט פריינדשאַפט,

ווילי שאָר

מיין האַרציקע באַגריסונג צו מיין ליבן פריינד

אַריה פּאַזי

צו זיין

פינף און זיבעציקסטן געבוירנטאָג

און מיינע בעסטע ווונטשן צו אים און צו זיין ליבער פרוי פאַר אַריכת ימים ושנים און צו זיין שטאַרק און געזונט.

זאָל דער בעל־יובל ממשיך זיין צו רעדאַקטירן דעם „חשבון" און מיר אַלע דאַרפן אים אַרויסהעלפן פינאַנציעל, מיט דעם באַוווסטזיין, אַז מיט אַ שטייער פון בלויז פינף דאָלער אַ יאָר קען קיין זשור־נאַל ניט עקזיסטירן — איבערהויפּט ווען אַ זשורנאַל האָט ניט קיין אַנאָנסן פון וואָס צו ציען חיונה.

עס איז אונדזער חוב צו שטיצן דעם זשורנאַל, און ווען מיר וועלן עס טאָן, וועט עס, אונטער דער רעדאַקציע פון א. פּאַזי, ווערן די „גאָלדענע קייט" פון לאָס אַנגעלעס.

מיט פריינדשאַפט און פאַרערונג

ווילי שאָר

# חבל על דאבדין...

ליבע פריינד

## מרים און לייזער מעלצער

ווי איר פערזענלעך, אַזוי זיינען מיר אויך דערשיטערט איבער דעם גרויסן פאַרלוסט וואָס איר האָט געליטן דורך דער פריצייטיקן און אומגעריכטן טויט פון אייער טאָכטער און אונדז אַלעמען באַליבטער

## שושנה ע"ה

מיר ווייסן ניט ווי צו טרייסטן אייך, נאָר מיר ווינטשן אַז אין אייער וווּנדערלעכער לעבנס־לאַנגער טעטיקייט פאַר יידישער ליטעראַטור, קולטור און ציוניזם זאָלט איר געפינען טרייסט אין אייער גרויסן פאַרלוסט.

תהא נשמת שושנה מעלצער צרורה בצרור החיים.

יעטאַ און ז. בונין
פעי סאַפּיאַן
בעלאַ און אריה פּאַזי
מאַניע און אברהם שניידער